Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat | פרייז 20 גראשען

הײנט 8 זײטען

נײער פאלקסבלאט

אונפארטײאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צײטונג

Nr. 174 (864) | Łódź, Wtorek 27 Lipca 1926 | פירטער יארגאנג. | לאדז, דינסטאג ט״ו אב תרפ״ו. | Nr. 174 (864)

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71 || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel 24-71

קאמף מיט׳ן יקרות.

צום קאמף וועלען צוגעצויגען ווערען די זעלבסטפערוואלטונגען און קאאפעראטיווען.

ווארשא, 26. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט איז אונטער׳ן פארזיץ פון פרעמיער בארטעל פארגעקומען א קאנפערענץ וועגען בעגעגענונג קעגן דעם יקרות.

דער פינאנץ־מיניסטער האט ערקלערט, אז די רעגירונג איז דעצידירט איהר קרעדיט־ און שטייער־פאליטיק צוצופאסען צו די פאדערונגען, כדי דער זלאטי זאל אנהויבען שטייגען און אז די דעטייל־פרייזען זאלען פאלען פונקט ווי די הורט־פרייזען.

דער מיניסטער רעכענט אויף דער מיטארבייט פון די זעלבסטפערוואלטונגען און קאאפעראטיווען. די רעגירונג פלאנט צו פערפליכטען די גרעסערע שטעדט איינצוארדנען מעכאנישע בעקערייען, מיהלען א. א. וו. דער שטאדט־פערבאנד וועט דארפען אנפיהרען מיט דער אקציע און בעמיהען זיך, אז ס׳זאלען אויסגעפיהרט ווערען מיט אייגענע מיטלען, נישט אנקומענדיג צו קיין פרעמדע.

דאס אינערן־מיניסטעריום וועט בקרוב צוזאמענרופען דעם קאנסומענטען־ראט, וואו די פראגען וועלען בעהאנדעלט ווערען.

אין דער קאנסטיטוציע־קאמיסיע פון סענאט.

ווארשא, 26 (טעלעפאניש פון אונזער סיים־קארעספאנדענט) די קאנסטיטוציע־קאמיסיע פון סענאט האט אפגעהאלטען א זיצונג. ס׳איז אנוועזענד געווען דער יוסטיץ־מיניסטער מאקאווסקי. סענאטאר בוזעק האט אריינגעטראגען איינע אויסבעסערונגען צום געזעץ וואס איז אנגענומען געווארען דורכ׳ן סיים. די ערשטע 2 פונקטען זענען אנגענומען געווארען אהן ענדערונגען. אויף דער נאכמיטאג־זיצונג זענען אנגענומען געווארען די פונקטען 2 און 4 מיט די אויסבעסערונגען פון סענאטאר וואושניצקי (וויזוואלעניע) און קאשינצא.

ארום דער ענטדעקטער שפיאנאזש־אפערע.

לעמבערג, 26 (ספ. טעל.) אין צוזאמענהאנג מיט דער שפיאנאזש־אפערע זענען ביז־איצט ארעסטירט געווארען 19 מיליטער־פערזאן און 23 פריוואטע.

די שפיאנען האבען אויך געארבייט אין דראהאביטש. ס׳איז ארעסטירט געווארען די פרוי פון גימנאזיאל־פראפעסאר באריסאוו. אין איהר וואוינונג זענען געפינען געווארען דאקומענטען, אז זי האט געצאהלט די שפיאנען אין דאלארען. ס׳זענען אויך געפונען געווארען מיליטערישע פעראָרדנונגען און מאָביליזאציאנס־פלאנען אויף ד. א. ק. לעמבערג. פאר א פעראָרדנונג, אדער פאר א פאטאגראפיע האט מען געצאהלט צו 5 דאלאר.

די ערשטע אויספארשונג איז שוין פערענדיגט. מארגען זאל שוין ערשיינען דער אפיציעלער קאמוניקאט מיט די נעמען פון די ארעסטירטע אין לעמבערג, פשעמישל און קראקא.

ווארשא, 26. (פאט). דער ווארשאווער רעירונגס־קאמיסאר האט פערארדנעט צו קאנפיסקירען דעם „דאדאטעק נאצני" פאר א ידיעה וועגען מאסען ארעסטען צווישען די מיליטער־לייט פאר אנגעהערען צו דער שפיאנען ארגאניזאציע. די ידיעה איז אויסגעזויגען פון פינגער.

אויפ׳ן גאנצען געביט פון ג. קאנגרעס־פוילען זענען אין צוזאמענהאנג מיט דער שפיאנען־אפערע ארעסטירט געווארען 5 פערזאן. צווישען די ארעסטירטע איז נישטא קיין איין פאלאק. אלע זענען אוקראאינער.

בערלין, 26. (פאט). ארומרעדענדיג די ענטדעקטע שפיאנאזש־אפערע אין פוילען שטעלט פעסט די „דייטשע אלגעמיינע צייטונג", אז אין דייטשלאנד איז איבערהויפט נישטא קיין גענעראל־שטאב און שוין אפילו בלויז דערפאר זענען די אנפאלען פון דער פוילישער פרעסע אויף די דייטשען נישט בעגרינדעט. די צייטונג שרייבט: „ס׳מאכט פשוט א לעכערליכען איינדרוק, אז אין יעדער שפיאנאזש אפערע ווערען פערדעכטיג דייטשע אפיצירען".

ארום דעם קוילען־שטרייק אין ענגלאנד.

לאנדאן, 26 (פאט) אין פארלאמענט האט פרעמיער באלדווין ערקלעהרט, אז די רעגירונג איז גרייט אויסצופיהרען די בעשלוסען פון דער שידס־קאמיסיע, הגם זיי ענטשפרעכען נישט די רעגירונגס־וואונשען. מאקדאנאלד איז ארויסגעטראטען מיט א רעדע אין וועלכער ער האט בעדויערט וואס די רעגירונג האט נישט מיטגעטיילט קיין בעפרידיגענדע נייעס. די רעגירונג האט גארנישט געטון, כדי צו ליקווידירען דעם סכסוך. דאס ליקווידירען דעם שטרייק איז מעגליך נאר ווען ס׳וועלען אנגענומען ווערען די פראפאזיציעס פון פאר׳ן שטרייק און אויב ס׳וועלען איינגעהאלטען ווערען די סובסידיעס אויף דער איבערגאנגס־צייט.

לאנדאן, 26 (פאט) דער סעקרעטאר פון בערג־ארבייטער־פערבאנד קוק האט ערקלעהרט, אז דער אויספיהרונגסקאמיטעט האט בעשלאסען צוזאמענצורופען אויפ׳ן 30 ה. ח. א פערזאמלונג כדי צו בעטראכטען די סיטואציע.

קוק האט ערקלעהרט, אז ער פערזענליך וועט זיך נישט ענטקעגענשטעלען די ארבייטער, אויב זיי וועלען אננעהמען דעם 8 שעה׳דיגען ארבייטסטאג, אבער ער אליין וואלט אין פאל פון אזא בעשלוס געמוזט דימיסיאנירען.

קאנפליקט צווישען רומענישע אנטיסעמיטען.

בוקארעשט, 26 (ספ.) לעצטענס האט ארויסגעבראכען א קאנפליקט צווישען די צוויי אנטיסעמיטישע לידערס אין רומעניען, קוזא און קאדריאנו, צוליב פערזענליכער קנאה פאר דער אנפיהרונג פון זייער פארטיי.

אלס רעזולטאט פון דעם קאנפליקט, איז די בעציהונג צו די יודען געווארען מילדערער מצד דער יוגענד־גרופע אנגעפיהרט פון קאדריאנו.

וועגען „קראמיע יעווריעוו" אין תבואה־האנדעל.

ווארשא, 26 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דעפוטאט הויזנער האט היינט בעזוכט דעם אגראר־מיניסטער און האט איהם אנגעוויזען, אז דער תבואה־סינדיקאט טראגט א ריין פוילישען כאראקטער און לאזט נישט צו קיין יודען צום האנדעל. דער דאזיגער פאקט איז אין סתירה צו דער קאנסטיטוציע און צו דער דעקלאראציע פון פרעמיער בארטעל.

דעפוטאט הויזנער האט דערביי אנגעוויזען, אז אינ׳ם אמאליגען סינדיקאט, וועלכער האט נישט געהאט קיין קאנטראלע איז די רעגירונג אפגענארט געווארען. ס׳איז דעריבער נויטיג צוצוציהען אלע עקספערטען און אנצהמען אפערטען פון יודישע סוחרים. דער מיניסטער האט צוגעזאגט די ווענדונג צו ערפילען.

א קאטאסטראפאלער צוזאמענשטויס.

ווארשא, 26 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). אויפ׳ן דאנציגער וואקזאל איז פארגעקומען א קאטאסטראפע. א געהילפס־צוג, וואס האט געפיהרט זאמד איז אנגעפאהרען אויפ׳ן טראמוואי נומער 15. ס׳זענען צעהאקט־געווארען איינינע וואגאנען. 15 פערזאן זענען פערוואונדעט געווארען צווישען זיי איינינע – שווער.

דער יודישער זעלנער מענדעל בעסער 24 יאהר אלט איז שווער פערוואונדעט און אפגעפיהרט־געווארען אין מאקאטאווער שפיטאל. ס׳זענען אויך פערוואונדעט־געווארען, מענדעל טשערעשני 55 יאהר אלט (קארמעליצקא, 18) און אברהם ווייגציהער 43 יאהר אלט פון מארימאנט.

60 גראד היץ אין ניו־יארק.

ניו־יארק, 26 (ספ. טעל.) דא האבען די היצען דערגרייכט ביז 60 גראד צעלזיוס. ס׳זענען רעגיסטרירט געווארען 190 פאלען פון זונען־שלאג.

דאלאר־קורס אין לאדז.

נעכטען אינדערפריה האט זיך דער דאלאר־קורס אנגעהויבען ביי 9.05 און אזוי אנגעהאלטען ביז מיטאג. ווען דער אפיציעלער קורס איז געקומען 9.05 מוזומן און 9.10 – טשעקען, איז דער קורס ביסלעכווייז געשטיגען ביז 9.10 –9.13, און אזוי אנגעהאלטען ביז אין אווענד.

„באנק פאלסקי" האט נעכטען געצאהלט 8.98 ביי א קליינער צאהל אפנעהמער.

פינאנץ־קאנפערענץ

פון דער רעגירונג מיט דעפוטאטען און סענאטארען.

ווארשא, 26. (טעלעפאניש פון אונזער סיים־קארעספאנדענט). היינט איז אונטער׳ן פארזיץ פון פרעמיער בארטעל פארגעקומען א פינאנץ־קאנפערענץ. אין דער קאנפערענץ האבען אנטיילגענומען פינאנץ־מיניסטער קלארנער, דער וויצעפרעזעס פון באנק פאלסקי מלינארסקי, דעפוטאטען מאראטשעווסקי, פאנטשעק, הויזנער (יוד. קאלא) און די סענאטארען שעדלעצקי, גאשינסקי און אנד.

דער פרעמיער האט זיך אפגעשטעלט אויף דער נויטיגקייט פון דער סאנאציע, האט ערקלערט, אז ער האט זיך בעקענט מיט דעפ. הויזנער׳ס בוך וועגען די פוילישע פינאנצען און האט פארגעשלאגען דעפ. הויזנער, צו רעפערירען זיינע פארשלאגען.

דעפ. הויזנער האט אנגעוויזען אויף דער שווערער פינאנציעלער לאגע וועלכע פוילען לעבט איצט אדורך. ער מיינט אז א הלואה וועט איצט נישט העלפען און וועט פיה־ען צו דעם אז פוילען וועט פערלירען אין איהר אונאפהענגיגקייט. ער וויזט אויף אן אז אויף דער בריסעלער קאנפערענץ איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז א מלוכה קען נישט פערברויכען מעהר ווי 10 פראצענט פון איהר בודזשעט אויף מיליטער־הוצאות, בעת פוילען פערברויכט – 37 פראצ. ער האט זיך אפגעשטעלט אויף דער ארבייטסלאזיגקייט און דער ווירשאפטליכער נישט זיכערקייט, וואס דער עקספארט פערגרעסערט זיך נור דאן, ווען ס׳פאלט אונזער וואלוטע. ער האט פארגעשלאגען א רייהע ענדערונגען, פערגרעסערן דעם געלד אומלויף, כדי צו פערשטארקען דאס ווירטשאפטליכע לעבען פון לאנד, ענדערן די וואלוטע א. אז. וו.

נאכדעם האבען גערעדט סענאטאר גאשינסקי (קלוב־פראצי) פינאנץ־מיניסטער קלארנער, וועלכע זענען מסכים געווען מיט די טעזען פון דעפ. הויזנער, נאר נישט מסכים געווען מיט זיינע אויספיהרונגען.

נאך א וויטערדיגער דיסקוסיע אין וועלכער ס׳האבען זיך בעטייליגט כמעט אלע אנוועזענדע איז בעשלאסען־געווארען שטרעבען צו א גלייכגעוויכט פון בודזשעט, צו אן׳אקטיווען האנדעלסבילאנס בעמיהען זיך צו פערגרעסערען דעם וואלוטען־זאפאס פון באנק־פאלסקי, בלייבען ביים זלאטי א. א. וו.

דערביי איז פעסטגעשטעלט־געווארען, אז מ׳מוז זיין פארזיכטיג ביים פערגרעסערען דעם געלד־אומלויף אין לאנד.

אנ׳אינקאסענט

מיט קויציע און ערשטקלאסיגע רעפערענצע, ווערט געזוכט. אפערטען אונטער „B" אין אדמיניסטראציע פון „נייעם פאלקסבלאט".

פעראייניגונג פון אלע יוד. וועלט־ארגאניזאציעס.

געמיינזאמע פאליטישע טעטיגקייט פון אייראפעאישע און אמעריק. יודענטום

לאָנדאָן, (י.ט.אַ.) זונטאָג, דעם 25-טען יולי איז צונויפגערופען געוואָרען קיין לאָנדאָן אַ בעראַטונג צווישען די מיטגלידער פונ'ם עקזעקוטיוו פון אַמעריקאַניש-יודישען קאָנגרעס און דעם פּרעזידענט פון „קאָמיטעט פון די יודישע דעלעגאַציעס" אין פּאַריז ה' לעאָ מאָצקין.

אויף דער בעראַטונג איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע פון אַנ'ענגער צוזאַמענאַרבייט צווישען די אייראָפּעאיש-יודישע אָרגאַניזאַציעס אין דעם אַמעריקאַניש-יודישען קאָנגרעס בנוגע די פערטיידיגונג פון די פאָדערונגען פון דער יודישער מינדערהייט אין פערשידענע לענדער. אַלע פערטרעטער פון אַמעריקאַנער יודישען קאָנגרעס האָבען זיך בעטייליגט אין דער בעראַטונג: דער פּרעזידענט פון קאָנגרעס ראַבינער דר. סטיפען ווייז, וויצע-פּרעזידענט סילווערמאַן און די עקזעקוטיוו-מיטגלידער ריכטער הוגאָ פּאַם, דור שאַפּיראָ, מאָריס דוגלאַש און דר. יוסף טענענבוים.

די בעראַטונג וועט וואַהרשיינליך בעשליסען צונויפרופען זומער-צייט 1927 אין אייראָפּאַ אַ רעפּרעזענטאַטיווע קאָנפערענץ, אין וועלכער עס זאָלען זיך בעטייליגען געוועהלטע פאָרשטעהער פון די יודישע קהלות-פערבאַנדען פון פערשידענע לענדער. די רעפּרעזענטאַטיווע קאָנפערענץ וועט האָבען די אויפגאַבע צו שיצען די רעכט פון דער יודישער מינדערהייט און רעאָרגאַניזירען דעם „קאָמיטעט פון די יודישע דעלעגאַציעס".

דער קריזיס אין וואַרשאַוער האַנדעלס-באַנק.

פאַרוואָס האָט דימיסיאָנירט דער ביז-איצטיגער דירעקטאָר?

וואַרשאַ, 26 (טעלעפאָניש). פאַר 2 וואָכען איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די אַקציאָנערען פון „באַנק האַנדלאָווי". דער אָפיציעלער בעריכט פון דער דאָזיגער פערזאַמלונג האָט בלויז אָנגעוויזען, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ הייסע דיסקוסיע און צום סוף האָט מען געמוזט וועהלען אין דער פערוואַלטונג דעם געוועזענעם האַנדעלס-מיניסטער גליוויץ.

אַ פּאָר טעג נאָך דער דאָזיגער פערזאַמלונג האָט זיך אָנגעגעבען אין דימיסיע דער גענעראַל-דירעקטאָר פון דער באַנק שאַמפּאַניער. די דאָזיגע דימיסיע האָט ערשט געמאַכט דעם געהעריגען רושם אין גאַס. „באַנק האַנדלאָווי" עקזיסטירט שוין 55 יאָהר און איז אין משך פון די לעצטע 20 יאָהר געוועזען די גרעסטע און רייכסטע באַנק-אינסטיטוציע אין דער גאַנצער פּוילישער רעפּובליק. זי האָט פערמאָגט הינדערטער באַנק-פיליאַלען מיט אַ פּאָר טויזענד בעאַמטע אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פּוילען.

אַרום דער טעטיגקייט פון „באַנק האַנדלאָווי" האָט מען שוין לאַנג געוואוסט, אַז עפּיס איז דאָרט נישט אין אָרדנונג. היי-יאָהר האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז אין משך פון 1925 האָט די באַנק פערלוירען איבער $5\frac{1}{2}$ מיליאָן זלאָטים.

דער גאַנצער גרינדונגס-קאַפּיטאַל פון דער באַנק מאַכט אויס 10 מיליאָן.

די אַדמיניסטראַציע פון „באַנק האַנדלאָווי" איז נישט געפיהרט געוואָרען אויפ'ן געהעריגען שטייגער. די דירעקטאָרען האָבען ווייטער געפיהרט די ברייטע אַדמיניסטראַציע און ווען מען האָט זיך שוין געכאַפּט און געזעהן, אַז אַזוי ווייטער קאָן שוין נישט געהן, איז שוין געוועזען צו שפּעט. אין סוף 1924 האָט מען שוין אָפּגעזאָגט 800 בעאַמטע, אין 1925 האָט מען ווייטער רעדוצירט 57 פּראָצענט. פון די 10 מיליאָן 867 טויזענד זלאָטים הוצאות האָט מען אויף די פּענסיעס פאַר די בעאַמטע אויסגעגעבען 9 מיליאָן 107 טויזענד זלאָטעס.

דער אומזאַץ איז געוועזען קליין, די הוצאות — גרויס. און אַלס רעזולטאַט איז געקומען דער גרויסער $5\frac{1}{2}$ מיליאָניגער דעפיציט אין בילאַנס.

די „באַנק האַנדלאָווי" וועט איצט איבערגעהן אַ סאַנירונגס-פעריאָד. מ'האָט אויסגעוועהלט אַ נייע פערוואַלטונג און מען האָפט אז דער געוועזענער מיניסטער גליוויץ, וואָס איז גוט בעקאַנט מיט דער פּראַקטיק און דער אַדמיניסטראַציע פון דעם אַמעריקאַנער באַנק-וועזען וועט די באַנק אַוועקשטעלען אויף די פיס, מען ווייזט שוין אָן, אַז דער קאַפּיטאַליסטען-קאָנצערן גוש האָט זיך פעראינטערעסירט מיט דער באַנק און וויל זיך בעטייליגען אין דער סאַנאַציע און דעקען דעם דעפיציט.

יעדענפאַלס האָבען די אַקציאָנערען מיט דעם אָננעהמען פון דער דימיסיע פון דירעקטאָר שאַמפּאַניער געוואָלט ענדגילטיג אָפּהאַקען מיט דער ביז-איצטיגער פּאָליטיק פון דער באַנק.

אַרעסטירט די אנפאלער אויף דעפוטאט וואזשאני.

בודאַפּעשט, (י.ט.אַ.) די אונגאַרישע פּאָליציי האָט אַרעסטירט די צוויי אָנפאַלער אויף דעם געשטאָרבענעם יודישען דעפוטאַט וואַזשאָני, פריץ מאַלנאַר און וו. וואַנאי וועלכע זענען איהם בעפאַלען אויף דער גאַס און געשלאָגען. אַרעסטירט זענען זיי געוואָרען צוליב אַ נייעם פערברעכן וואָס זיי זענען בעגאַנגען.

Dr. med. R. STUPEL
12 Szkolna 12
הויט־און וענערישע קראנקהייטען.
ליכט־בעהאנדלונג (רענטגען און קוואַרץ) 08
נעמט אָן פון 8–10, 12–2 און פון 6-8 אוו.

ד"ר ווייצמאַנ'ס גרויסע פּאָליטישע רעדע

אויף דער זיצונג פון ציו.-יסט. אקציאָנס-קאָמיטעט.

(יט"אַ) לאָנדאָן, דעם 22-טען יולי האָבען זיך געעפענט די זיצונגען פון גרויסען ציוניסטישען אַקציאָנס-קאָמיטעט. צו דער זיצונג זענען געקומען כמעט אַלע מיטגלידער. אחוץ דעם זענען אָנוועזענד איינינע במקום-מיטגלידער, וועלכע האָבען נישט קיין שטים- און נישט קיין בעראָטונגס-רעכט. די זיצונג האָט געעפענט דער פאָרזיצער פון א.-ק. לעאָ מאָצקין מיט אַ קורצער רעדע, אין וועלכע ער האָט בעגריסט די אָנוועזענדע און ערקלעהרט די סיבות, צוליב וועלכע דער א.-ק. איז נישט צונויפגערופען געוואָרען צום בעשטימטען טערמין. אין אַ פייערליכער שטילקייט ווערט אויפגענומען די גרויסע פּאָליטישע רעדע

פון ד"ר ווייצמאַן.

ווייצמאַן דערצעהלט פּרטים פון זיינע פערהאַנדלונגען מיט דער מאַנדאַטען-מאַכט, מיט דער א"י-רעגירונג און מיט די רעפּרעזענטאַנטען פון די אַראַבער. די צוזאַמענאַרבייט צווישען דער יודישער „אַגענץ" און דער מאַנדאַטען-מאַכט איז נאָרמאַל און בכלל בעפרידיגענד. ביי אַלע וויכטיגע שאלות וועגען א"י ווערט אויך צוגעצויגען די פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון דער „אַגענץ". די אַטמאָספער אין

פעלקער-בונד,

בעזונדערס אין דער מאַנדאַטען-קאָמיסיע, איז פאַר אונז זעהר גינסטיג, די מיטגלידער פון פ.-ב., וואָס האָבען בעזוכט א"י און זיך בעקענט מיט די אויפטועכצען פון די יודישע אַרבייטער אין לאַנד, אונטערשטיצען די ציוניסטישע אַרבייט מאָראַליש און פּאַקטיש. אפילו די קאַטוילישע מיטגלידער פון פעלקער-בונד, ווי די קאַטוילישע קירך בכלל, פערנעהמען איצט צו דער ציוניסטישער אַרבייט אַ בעסערע פּאָזיציע ווי ביז אַהער. דער עקאָנאָמישער קריזיס אין א"י ווערט אין די קרייזען פון פ.-ב. בעטראַכט אַלס אַ נאַטירליכע ערשיינונג, וועלכע קען נישט האָבען קיין שום השפעה אויף דעם אויפבוי פון לאַנד. בעזונדערס דערפרעהליך זענען די פערבעסערטע בעציהונגען מיט דער

אַראַבישער בעפעלקערונג.

אין אַ סך ערטער אַרבייטען שוין די יודען און די אַראַבער אינאיינעם.

די גרויסע אויפטועכצען אין א"י האָבען געפיהרט צו דעם, אַז דער עמיר-אַבדולאַ פון עבר הירדן און אויך די סירישע מאַכט ווייזען אַרויס אַ רצון צו צוציהען יודען פאַר דער קאָלאָניזאַציע אין זייערע געביטען. מיט'ן פּראָגרעס פון די אויפבוי-אַרבייטען בעסערען זיך אין אַלע פּרטים די פּאָליטישע בעדינגונגען פון לאַנד. דאָס ווערט אַנערקענט הן פון דער מאַנדאַטען-מאַכט, הן פון דער רעגירונג אויף אָנ'אָרט און הן פון די אַראַבער. צום סוף פון זיין רעדע שטעלט ד"ר ווייצמאַן פעסט, אַז די מאַרשאַל-גרופּע אין אַמעריקא האָט פונדאַסניי אַרויסגעזאָגט איהר וואונש צו פערהאַנדלען וועגען דער

פערברייטערונג פון דער יודישער אַגענץ.

אין שייכות צו דעם, וועט ער שוין אין חודש אָקטאָבער אָפּפאָהרען קיין אַמעריקא, כדי צו פיהרען די נויטיגע פערהאַנדלונגען.

נאָך ווייצמאַן רעדט

ביאַליק,

וועלכער האָט זיך אַקאָרשט צוריקגעקעהרט פון זיין אַמעריקאַנער נסיעה. ער איז זעהר אָפּטימיסטיש. ביאַליק דערצעהלט, אַז אין אַמעריקא בעקלאָגט מען זיך אויף דעם, וואָס דאָס יודענטום אין אייראָפּאַ גיט לערך וועהניג, פאַר דעם אויפבוי, ער פאָדערט אויף צו אַ מעהר ענערגישער אַרבייט.

ער זאָגט זיך אַרויס דערפאַר, אַז מען זאָל בעזעצען 500 טויזענד יודען אין משך פון די נעכסטע יאָהר אין פּאַלעסטינאַ.

ד"ר סטיפען ווייז

ערקלערט, אַז די אַמעריקאַנער יודען וועלען אָהן צווייפעל אונטערשטיצען ווייצמאַנ'ען אין זיין פּאָליטיק.

אויף דער צווייטער זיצונג האָט האַלפּערין געהאַלטען אַ רעפעראַט. אין דער דיסקוסיע זענען פיל רעדנער אַרויסגעטרעטען נעגען דער פּאַלעסטינישער עקזעקוטיווע און זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, מען זאָל וועהלען אַ נייע עקזעקוטיווע.

די גענעראַל-דעבאַטען ווערען דער עיקר געפיהרט אַרום די בודזשעט-שוועריגקייטען, וועגען די מעגליכקייטען צו פערברייטערן די יודישע קאָלאָניזאַציע אין עבר-הירדן און סיריען און וועגען דער פערשטאַרקונג פון דער עקזעקוטיווע. אין די דעבאַטען בעטייליגען זיך ס'רוב מיטגלידער פון אַקציאָנס-קאָמיטעט.

Dr. Z. Rakowski
ספּעצ. פאַר אויערען, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקהייטען
9 קאָנסטאַנטינאָווסקאַ 9
טעלעפאָן 27 81
ספּעציעלער קורס פאַר שטאַמלער.
שפּרעכשטונדען פון 2 ביז 2 און פון 5–7. 175
נעהמט אויך אָן אין לעשנאָ זגערושער 17 פון 10 ביז 11 און פון 2 ביז 3 נאָכמ.

Dr. med. A. SZMIRGELD
CEGIELNIANA 6.
גייסטיגע-און נערווען-קראַנקהייטען
שפּראַכשטערונגען, היילונג פון שוואַכזיניגע און שווער-ערציהבאַרע קינדער און כאַראַקטער-אַנאָמאַליען נעמט אָן פון 5–7. 628

Dr. med. Braun
ספּעציאַל אַרצט פאַר הויט און וענערישע קראַנקהייטען און מענער שוואַכע.
בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ ליכט (האָר אויספאַל).
23 פּאָלודניאָווא 23
טעלעפאָן 26 40.
נעהמט אָן פון 9 10 און פון 6–8 אָווענד.

Dr. ALTERMAN-GURFEL
פרויען-קראַנקהייטען און אַקושעריע.
Piramowicza 10.
נעהמט אָן פון 4–6 נאָכמ. טאָג 167

פון חדר יסודי-התורה הראשון
ע"י אגודת שלומי אמוני ישראל, פּאָלודניאָווא 11.
אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּעראָרדנונג וועגען שול-צוואַנג, הויבען זיך אָן פון אי"ה דינסטאָג, פּרשת ראה, כ"ג אב הבע"ל דאָס איינשרייבען פון די נייע תלמידים און די עקזאַמענס צום נייעם שול-יאָהר תרפ"ו–פ"ז (1926–27), וועלכע הויבען זיך אָן ראש חודש אלול הבע"ל טעגליך פון 11–2 און פון 4–6 נאָכמ. 855
ההנהלה.
בעמערקונג: די אַלטע תלמידים, וועלכע ווילען, אַז זייער פּלאַץ זאָל זיין געזיכערט און נישט פערלירען דעם זכות הקדימה, דאַרפען זיך אויפסניי צו דעקלאַרירען שפּעטסטענס ביז מאָנטאָג, פּ' ראה, כ"ב אב הבע"ל. נאָכדעם וועט נישט נוצען קיין שום חשיבות און קיין טענות, דען די צאָהל פּלעצער איז זעהר בעגרענעצט וכל הקודם זכה!

וויכטיג פאַר לעטניקעס!
בעפאָר איהר געהט קויפען, אינטערעסירט אייך, — דאָס נאָר אין דער פאַבריק
ש. שוואַרצאָווסקי
פּולנאָצנאַ 24 טעל. 31-85
בעקומט איהר שטענדיג אויף לאַגער אין גרויסען אויסוואַהל:
פּאַטענטירטע פעלד-בעטען פון דער בעוואוסטער מאַרקע „Palma-Patent" מיט אַ גאַראַנטיע אויף 3 יאָהר,
מעטאַל-בעטען, לעשאַזעס, האַמאַקעס, קינדער-בענקלעך, קינדער-שפּאַציר-וואָגענס אין- און אויסלענדישע.
פעלד-בעטען מיט ווענטלעך צו 18 זל. און פּאָלאָטנע-14 זל.
אַלעס צו קאָנקורענץ-פּרייזען!

קאַנדידאַט יוריס
פון דער ווינער אוניווערזיטעט, דייטש-פּוילישער קאָרעספּאָנדענט, פּערפעקטער בוכהאַלטער. זוכט בעשעפטיגונג. וועט אָננעהמען יעדע שטעלונג פאַר בעשיידענעם געהאַלט. — אָפערטען אין אַדמ. פון „נייעם פאָלקסבלאַט" פאַר „M L" 854

אַכטונג! צייטונגס-פערשפּרייטער!
מיר גרינדערס פון אונפּאַרטייאישען צייטונגס-פערשפּרייטערס-פעראיין מאַכען בעקאַנט, אַז דינסטאַג דעם 27. יולי, פּונקט 6 אַ זייגער נאָכמ. קומט פאָר אַ
גרינדונגס-פערזאַמלונג
פון צייטונגס-פערשפּרייטער.
מ'בעט אַלע צייטונגס-פערשפּרייטער צו קומען פּינקטליך פּעטריקאָווער גאַס 66.
מיט אַכטונג
גרינדערס פון אונפּאַרטייאישע צייטונגס-פערשפּרייטערס-פעראיין. 851

Dr. med.
WOLF EYCHNER
Zgierska 38, tel. 34-72
ספּעצ. פאַר אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען.
נעמט אָן פון 6 ביז 8 אָווענד.
פון 12 ביז 1 מיטאָג אין דער לעטשניצע אויף נייערס מאַרק, פּעטריקאָווער 294.

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז. 27 יולי 1926

לאדז. 27. יולי 1926

דער נייער קורס?

פון דעפ. ד"ר יעקב ווינאדסקי.

אויף בארטעל'ס רעדע האט מען געווארט, בפרט אין סיים, מיט א געוויסער שפאנונג: זי האט בעדארפט אויסווייזען דאס פראגראם און דעם גאנצען ארבייטס פלאן פון דער רעגירונג, הינטער וועלכער עס שטעהט א ספינקס, וואס ציהט איינמאל צו צי זיך און שרעקט דעם אנדערען מאל אפ... דאס לאנגע שווייגען מצד דער רעגירונג האט סוף כל סוף אנגעהויבען אלעמען בעאומרוהיגען, עס האבען זיך אנגעהויבען צו פערשפרייטען ביי דעם בריטען עולם קלאנגען, האלב פאנטאסטישע, אבער עקשנות'דיגע...

איך בין בכלל קיין ליבהאבער נישט צוצוהערען זיך צו דעם, וואס ווערט געזאגט אויפ'ן פלענום פון סיים, אבער די לאנגע רעדע פון פרעמיער בארטעל האב איך מיט אינטערעס אויסגעהערט פון אנהויב ביז'ן סוף.

אזוי רעדען מענשען, וואס האבען דעם כח און דעם מוט איינצורייסען מיט דער אלטער פערשימעלטער טראדיציע, וועלכע איז אויסגעוואקסען אין דער קראנקער סביבה פון פערקנעכטונג.

פריהער פלעגען זיך די רעגירונגען נאכשלעפען נאך דער געזעלשאפטליכער מיינונג, וועלכע פלעגט שעפען איהר גייסטיגען אינהאלט פון די אלערליי קלעריקאל-פעאדאלע אידעאלאגיעס, אויף וועלכע דער רוב מנין און דער רוב בנין פון דער פוילישער געזעלשאפט האט זיך אויפגעהאדעוועט...

פריהער פלעגט אייך איטליכע רעגירונג ענטפערען אויף אייער פאדערונג פון גלייכבערעכטיגונג אויפ'ן סמך פון דער קאנסטיטוציע: „יא! געוויס... די קאנסטיטוציע, אבער די געזעלשאפטליכע מיינונג וויל דאס נישט!"...

איצטער האט די רעגירונג ארויסגעוויזען א חשק און מוט א שלעפ צו טאן די געזעלשאפטליכע מיינונג נאך זיך, אנשטאט צו שלעפען זיך נאך איהר...

אין א גוטער מזל'דיגער שעה! שוין לאנג צייט געווען!

דער יודישער אפטימיום, זאל געזונד זיין, וועלכער פאלט ביי זיך קיינמאל נישט אראפ און וועלכער מאכט פון א ווארט א קווארט, פערטרייבענדיג דעם יאוש פון דער פערמאטערטער יודישער נשמה, — דער יודישער אפטימיום האט דעם גאנצען ענין שטארק פונאנדערגעבלאזען און געמאכט פון איהם שיער נישט אנ'אנהויב פון א נייער תקופה!..

מען האט זיך שוין אפילו אנגעהויבען צווישען זיך צו אמפערען, וועמענס זכות און וועמענס פערדינסט דאס איז...

עטליכע גלאט-ראזירטע דיפלאמאטיש אוגאדאווע יודישע פנים'לעך האבען, פערייסענדיג די נעזער אין דער הויך, און לאנגזאם זעהענדיג די ווערטער, געזאגט נישט גאנץ אין הסכם מיט בארטעל'ן: „דאס האט מען שוין אונז צו פערדאנקען!.."

ווייטער האבען די רירעוודיגע, פלינקע און דורכגעטריבענע יודישע סוחרים-לעך, וואס זענען געוואוינט פון אלץ צו ציהען פראפיט, א וואונק-טוענדיג דעם וועהלער פון ווייטען, געשריען: „דאס האט מען נאר אונז צו פערדאנקען! מיר האבען געשריען און געשריען און האבען זיך דערשריען!.."

מילא! וועגען די אוגאדאוועס איז דאך שוין אפגערעדט! וואס איז אבער שייך צו די סוחר'ישע „קעמפער" מוז איך דא זאגען א פאר ווערטער:

דעם יודישען האנדעל און די אינדוסטריע קען מען נישט פערטיידיגען אין דער פלאכקייט פון פאכליכע בעהאווענטקייט, נאר אין דער פ ל א כ ק י י ט פ ו ן ד ע ם י ו ד י ש - פ א ל ק י ש ע ן ר ע כ ט! אויב איהר ווייזט אויף, אז מען בע'עולה'ט טאקי דעם יודישען סוחר – שטופט איהר זיך נאר אין אנ'אפענער טיר, ווייל דער צד שכנגד ווייס בעסער פאר אייך, דאס ער בע'עול'ט איהם, און ווייל דאס טאקע! דער יודישער סוחר ווערט בע'עולט, נישט ווייל ער איז א סוחר, נאר ווייל ער איז א יוד!

דער קאמף מוז דעריבער געפיהרט ווערען פאר דעם יודישען פאלק! די פאך - קענטעניש מוזען בעזיצען די סוחר'ישע פאך-ארגאניזאציעס, וועלכע מוזען זי צושטעלען, אלס א הילפס-מאטעריאל! דער עיקר איז דער קאמף מיט דעם אנטיסעמיטיזם. דער עקאנאמישער אנטיסעמיטיזם איז א טייל-ערשיינונג פון דעם גאנצען אנטיסעמיטיזם.

ס'איז ליידער די צאהל יודען, וועלכע בעהערשען די יודישע שאלה און איהר גאנצען דינאמישען פערנעהם, זעהר בעדויערן, א גאנץ אומבעדייטענדיגע, א נישטיגע! דעריבער טויגען קודם כל נישט די „קעמפער", וועלכע זענען מעהר-וועניגער אסימילירטע יודען. וויפיל מאל איז מיר אויסגעקומען אין לעבען צו הערען פון אזעלכע „קעמפער" אז דער „נומערוס-קלאוזוס" איז „אין גרונד גענומען א יושר'דיגע זאך!", אז „דער עקאנאמישער קאמף מיט דעם יודישען סוחר מצד די פאליאקען איז א נויטיגע זאך!" און צום בעדויערן קענט איהר הערען אי פון וועניגער אדער גאר נישט אסימילירטע יודען, אז „נאר די פאליאקען האבען געשאפען אלץ, וואס איז דא אין פוילען, און דעריבער מיזען זיי הערשען"! אדער „דאס די נאציאנאל-פערסאנעלע אויטאנאמיע שאפט א מלוכה אין א מלוכה"! און א. וו. און א. וו.

אייגענטליך מוז מען פאדערען פון יעדען יודישען דעפוטאט, ער זאל אויסהאלטען עקזאמען פון דער יודישער שאלה, וועלכע מוז זיין ביי איהם גוט און טיף ד ו ר כ ג ע ט ר א כ ט. ליידער וועלען דאן זעהר ווייניג יודען קענען ארייגעהען אין סיים... פון די אלע יודישע "קעמפער" אין און אויסען סיים זענען ליידער דא זעהר וועהניג א י ב ע ר צ ײ ג ט ע...

על כל פנים, וועמען וועלען מיר האבען צו פערדאנקען די בעסערע יודישע לאגע, אויב אזעלכע וועט זיך טאקע איינשטעלען? ערשטענס און קודם-כל אונזער אלעמענס פער'עקשנ'טען קאמף, וועלכען מיר פיהרען אלע אין און אויסען סיים. מיר טארען דע ביי נישט אראפפאלען ביי זיך, מחמת אונזער שלעכטער מצב, און מיר טארען נישט אוועקלעגען אונזערע כלי-זיין צוליב א צייט-ווייליגער פערבעסערונג פון אונזער מצב!

צווייטענס, האבען מיר צו פערדאנקען דעם פאקט, וואס א טייל פאליאקען – צום בעדויערן אפילו נאר א זעהר א קליינער טייל פאליאקען – הויבט שוין אן איינצוזעהען, אז זייערע אלטע „אידעאלאגיעס" בנוגע יודען זענען געבויט געווארען אויף פוילע יסודות!..

דריטענס, האבען מיר די עווענטועלע פערבעסערונג פון אונזער לאגע צו פערדאנקען יוזעף פילסודסקי, וועלכער פיהרט דורך א גאנץ נייעם פלאן הן אין- און הן אויסען לאנד... דער פלאן איז נאך דערוויל נישט קיין גאנץ קלאהרער פאר אונז, אבער, קענענדיג יוזעף פילסודסקי'ס שטרעבונגען, קען מען זיך דעם דאזיגען פלאן גרינג פארשטעלען... און פילסודסקי וויל און מוז האבען אין פוילען צופרידענע יודען... דער דאזיגער טייל פון פלאן איז געוויס א ריכטיגער און פאר פוילען א גליקליכער... מען קען האפען, דאס די יודען אין פוילען וועט ווערען לכל הפחות אויף א געוויסע צייט גרינגער, עפיס בעסער. צו גוט איז נאך ווייט.

די מלחמה פאר אונזערע פאלקס-רעכט און פאר אונזער אמת'ער גלייכבערעכטיגונג געהט ווייטער!

אין א יודישען רעסטאראן.

א בריוו פון מאסקווא.

פון ראובן ברייני.

איבערגעדרוקט פון נ. י. „טאג" מיט דער ערלויבניש פון מחבר.

איך זיץ אין כשר'ן רעסטאראן לוריע.

עס קומען א הער עסען (נישט-קוקענדיג אויף דעם, וואס דא איז שטרענג כשר) אויך קאמוניסטען, רעגירונגס-בעאמטע, אינטעליגענץ, הענדלער, ארבייטער, קורטקעס שווארצע, „טאלסטאיקעס" ווייסע, פרויען, מעדלעך אין רויטע טיכלעך ארום קאפ, און זעהר זעלטען אויך פראנטיכעס.

דער עולם רעדט שטיל, שושקעט זיך, מען קוקט פערדעכטיגט איינער אויפ'ן צווייטען.

עס קומט אריין א בחור'ל, זעהר ארים געקליידעט, האלב אפגעריסען, אפגעשליסען, א צייטונגס - פערקויפער. ער ברענגט טעגליך א פעקעל רוסישע צייטונגען אין רעסטאראן, ער רופט אויס זיינע צייטונגען ביי יעדען טישעל און לעגט זיי אויס פאר יעדען גאסט.

— האט איהר דעם „עמעס"? – פרעג איך דעם צייטונגס-פערקויפער.

— קיינער פערלאנגט עס נישט, ברענג איך עס נישט א הער.

— אין א יודישען רעסטאראן פערלאנגט קיינער נישט א יודישע צייטונג, ווי איז עס מעגליך?

— נא קאקאי טשארט? עס איז נישט קיין יודישע צייטונג, און יודען לייענען נישט דעם „עמעס".

דעם אמת זאגענדיג, האב איך דעם „עמעס" נישט געקאנט געפינען אויף קיין קיאסק, נאר אין דער רעדאקציע גופא האב איך בעקומען א צאהל נומערן. א פאקט, אין מאסקווע גופא לייענט מען נישט דעם „עמעס".

ווארום? קיין ערקלערונג וויל איך דא נישט געבען.

* *

עס קומט צו צו מיין טישעל אנ'אלטער יוד, א כאראקטעריסטיש פנים. דער צעקנייטשטער שטערן, די איינגעפאלענע באקען, די ציטערדיגע שטים דערצעהלען פיל פון דאס, וואס איז געווען, וואס איז איבערגעלעבט געווארען און פון דעם וואס איז געווען, וואס איז איבערגעלעבט געווארען און פון דעם, וואס איז איצט, דערצעהלען א זעהר טרויעריגע געשיכטע.

דער אלטער איז א פאקען-טרעגער. ער עראינערט מיט זיין גאנצען איצטיגען וועזען דעם טיפ פון דעם אמאליגען פאקען-טרעגער, יוי לעבעדיג אויסגעשניטען פון מענדעלי מוכר-ספרים'ס ערצעהלונגען.

דער אלטער לעגט ארויף אויף מיין טישעל, אהן ווערטער, א פאר דינע ביכלעך פון „שאליים אליינכעם". איך עפען אויף די ביכלעך, זיי זענען געדרוקט מיט דער אויסלעגעכץ פון „עמעס", ווי עס האט אנגענומען די יעווסעקציע.

איך בין זיך מודה, אז מיר איז שווער, כמעט אוממעגליך, צו לייענען יודיש מיט דער אויסלעגעכץ פון ראטען - רוסלאנד.

איך זאג צום פאקען-טרעגער:

— אויף וועלכען לשון זענען די ביכלעך געשריבען? עס איז מיר שווער פונאנדערצוקלייבען זיך.

— דאס זענען זשארגאנישע ביכלעך, אויף עברי טייטש, טייערע ביכלעך, מחיה'דיגע ביכלעך, קויפט, איהר וועט הנאה האבען און גיט א יודען עפעס צו לייזען. א טאג אויף די פיס, די פיס ברעכען זיך, ווילען מעהר נישט דינען, און קיין קאפיקע נאך נישט געלייזט, און צו הויז אנ'אלטע פרוי, א קראנקע, גוטה למות, דריי קליינע אייניקלעך, קיין ביסען ברויט קויפט רב יוד, א מעשה'לע.

— איך קאן נישט לייענען די מעשה'לעך מיט אט דער אויסלעגעכץ. וואס איז דאס פאר א מין אויסלעגעכץ?

— איך ווייס? אט אזוי לעגען אויס די דאזיגע חברה-לייט... היינט איז דאך אלץ מיט'ן קאפ אראפ, א פערקעהרטע וועלט און וואס קאן איך דא מאכען, די ביטערע פרנסה...

ווען איך האב געזעהן, אז קיינער קויפט נישט פון דעם אלטען, מען וויל גארנישט אנקוקען זיין „סחורה" (אויסער שלום-עליכם האט ער ביי זיך געהאט א פאר קליינע ביכלעך פון מרדכי ספעקטאר, אויך געדרוקט מיט דער אויסלייגעכץ פון דער יעווסעקציע). האב איך ביי איהם געקויפט א קליינעם, מיניאטורנעם סידור'ל, געדרוקט אויף זעהר שלעכט פאפיר, מיט זעהר שלעכטע אותיות. דאס סידור'ל האט אויסגעזעהן יתום'דיג, טרויעריג...

— קויפט נאך ביי אייך ווער א סידור'ל (קיין אנדערע ספרים אין העבראיש האט דער אלטער ביי זיך נישט געהאט)?

— וואס רעדט איהר? ווער דארף היינטיגע צייטען א סידור, א קרבן-מנחה א מעבר יבוק... די היינטיגע חברה האבען זייערע אייגענע סידורים, זייערע אייגענע שולחן-ערוכ'ס. זאל איך אזוי זוכה זיין צו זעהן בנחמת ציון וירושלים, ווי וויך האב געזעהן מיט מיינע אויגען ממש, געזעהן נישט איינמאל, ווי עס זיצען אונזערע יודישע מלומדים, קענער, דאקטוירים, און לערנען דעם שלחן-ערוך פון די קאמוניסטען – יא, אויך זיי האבען א שלחן-ערוך מיט דינים – מיט גוים, מיט דערוואקסענע ערלים. וואלט איהר, פעטער, זעהן ווי שווער אונזערע יודען, די געשטודירטע, קנעלען מיט די פערשטאפטע מחות פון די ערלים די אלע תרי"ג מצוות פון די קאמוניסטען...

דער פאקען-טרעגער האט מיך בעקוקט און בעוואונדערט און גיט א זאג:

— איהר מוזט זיין עפיס פון די ווייטע מקומות, נישט פון די אונזעריגע...

— פון וואנען דרינגט איהר דאס?

— פשוט פון דעם, וואס א יוד וואס זעהט נישט אויס ווי א בטלן, ווי אנ'אלטמאדישער, און קויפט נישט - מיר נישט-דיר א סידור'ל, און דינגט זיך נישט, בעצאהלט גלייך וויפיל איך זאג. ניין, אזא יוד ווי איהר – ער קוקט מיך אן שארף – מוז זיין פון גאנץ אנדערע מקומות, געוויס נישט פון אונזערע... אפשר זייט איהר טאקע פון אמעריקא זעלבסט, פון נצוו-יארק... דאוועט מען נאך ביי אייך? איז א סידור נאך א סחורה ביי אייך? ביי אונז שוין לאנג נישט...

אפגעשטעלט דער פראצעס געגען דער יודישער קולטור-ליגע.

ק א וו נ ע, (י. ט. א.) אין צוזאמענהאנג מיט דער אמנעסטיע פאר פאליטישע פערברעכער אין ליטע איז פולשטענדיג ליקווידירט געווארען דער פראצעס, וואס איז פערפיהרט געווארען געגען די מיטגלידער פון דער יודישער קולטור-ליגע. א דאנק דער אמנעסטיע וועלען ארויסגעלאזען ווערען פון תפיסה העכער 100 יודישע פאליטיש-ארעסטירטע.

לארד פלומער צוגאסט אין תל-אביב'ער גימנאזיום.

י ר ו ש ל י ם, (י.ט.א.) פעלדמארשאל לארד פלומער האט אנגענומען די איינלאדונג פון דער העברעאישער גימנאזיע אין תל-אביב בייצווואוינען דעם שלוס פון שול-יאהר. לארד פלומער האט דערביי געהאלטען א רעדע צו די שילער און אנגעוויזען אויף דער וויכטיגקייט פון דיסציפלין צווישען דער יוגענד; דאן האט ער פערזענליך איבערגעגעבען די אבסאלווענטען פון גימנאזיום די דיפלאמען. צווישען די דיפלאמירטע פון גימנאזיום האט זיך געפינען אויך איין אראבער.

געשטארבען דער לעצטער מיטגליד פון דער רבנים-דינאסטיע אין רומעניע.

ב ו ק א ר ע ש ט. (י. ט. א.) עס איז געשטארבען דער הרב-הראשי פון יאסי הרב ל. טויבעס. דער פערשטארבענער האט געשטאמט פון דער רבנים-פאמיליע טויבעס, וועלכע האט פערנומען דעם כסא-הרבנות אין יאסי פון דור צו דור, העכער ווי 100 יאהר צייט. דער ערשטער רב פון דער דאזיגער פאמיליע איז געווען דער וועלט-בעריהמטער גאון אפרים טויבעס.

האנדעלס-פערקעהר צווישען א"י און גרויס-בריטאניע.

א בעריכט אין ענגלישען פארלאמענט.

ל א נ ד א ן. (י.ט.א.) אויף דער לעצטער זיצונג פון ענגלישען פארלאמענט האט סער פרעדעריק ווייס אנגעפרעגט די רעגירונג, ווי עס זעהען אויס די האנדעלס-בעציהונגען צווישען גרויס-בריטאניען און ארץ-ישראל. דער אונטערשטאטס-סעקרעטאר פאר עבר-לים, האנדעל מר. ארטור מיטשעל סעמועל האט דערויף געגעבען פאלגענדע תשובה: אין יאהר 1924 האט מען אימפארטירט פון ארץ-ישראל קיין גרויס-בריטאניען און דרום-אירלאנד סחורות אין ווערט פון 1,070,305 פונט. אין יאהר 1925 אין ווערט פון 1,155,216 פונט. אין די ערשטע דריי חדשים פון 1926 האט מען אימפארטירט פון ארץ-ישראל קיין ענגלאנד סחורות אין ווערט פון 740,920 פונט. פון גרויס-בריטאניען און דרום אירלאנד האט מען אימפארטירט קיין ארץ-ישראל אין יאהר 1924 פאבריקאטען אין ווערט פון 580,253 פונט, אין יאהר 1915 אין ווערט פון 712,462 פונט, אין די ערשטע דריי חדשים היי-יאהר אין ווערט פון 152,469 פונט. חוץ פאבריקאטען האט מען געשיקט פון ענגלאנד קיין ארץ-ישראל סחורות אין יאהר 1924 פאר 23,328 פונט און אין יאהר 1925 פאר 26,466 פונט און אין די ערשטע דריי חדשים היי-יאהר פאר 8,184 פונט.

Dr. L. LEWITAN

נעהמט אן אין דערהיים פון 4 ביז 6 אוונד צו קליניק-פרייזען. ווין

31 גדאנסקא 31.

„ראזאלינא".

נייער פאָלקסבלאַט
27. יולי 1926.

דאָס לאָדזער לעבען

נייער פאָלקסבלאַט
27. יולי 1926.

27
דינסטאָג
טז
אב תרפ"ו

יולי.
זון-אויפגאַנג 4,10
זון-אונטערגאַנג 6,57
לענג פון טאָג 14,24

אין דער קהלה קריזיסט זיך שוין ווידער.

די „אומפּאַרטייאישע" ברוגז'ען זיך. - אַ שאַרפער קאָנפליקט. - וועגען וואָס האַנדעלט זיך? - ווער האָט פערשווינגען די מיסברויכען? — די „אגודה" איז תּקיף. - „אומפּאַרטייאישע" שטעלען פאָדערונגען.

(–) נאָך מיט אַ לענגערער צייט צוריק האָט מען געשמועסט וועגן דעם, אַז אין אַלטשטעטישען ביה"מ איז די ווירטשאַפט נישט קיין גענויע, אַז ס'ווערען דאָרט געמאַכט מיסברויכען. די פראַגע וועגען דעם איז אפילו אויפגעהויבען געוואָרען אויף אַ זיצונג פון קהלה-ראַט און ס'איז אויסגעוועהלט געוואָרען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון 5 פערזאָן, וועלכע האָט געדאַרפט אויספאָרשען די פאָרוואורפען. די קאָמיסיע איז געוועהלט געוואָרען נאָך בעת דער אַלטער מעהרהייט און איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון 2 אומפּאַרטייאישע, 2 אגודה'ניקעס און 1 פון „בונד".

די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז די לייטונג פון'ם ביה"מ איז ווירקליך בעגאַנגען מיסברויכען. צווישען דער לייטונג זענען געווען אָנהענגער פון דער „אגודה", אַזוי ווי אינצווישען איז פאָרגעקומען די איבערגרופּירונג פון די ריכטונגען אין דער קהלה, האָט די „אגודה" זיך בעמיהט אָפּצושלעפּען די פראַגע און דער בעריכט פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע איז ווירקליך ביז היינט נישט אָפּגעגעבען געוואָרען.

זונטאַג האָט געזאָלט פאָרקומען אַ זיצונג פון קהלה-ראַט וועגן בודזשעט. פאַר דער זיצונג איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אַ געמיינזאַמע זיצונג פון דער „אגודה" מיט די „אומפּאַרטייאישע". אויף דער דאָזיגער זיצונג, וועלכע איז פאָרגעקומען דאָנערשטאָג, האָבען די פאָרשטעהער פון די „אומפּאַרטייאישע" פערלאַנגט, אַז ס'זאָל בעשטימט ווערען אַ נייע לייטונג פון ביה"מ פון 5 פערזאָן צווישען וועלכע ס'זאָלען זיין 3 „אומפּאַרטייאישע" און 2 „אגודה'ניקעס. דער דאָזיגער אָפּמאַך איז געשלאָסען געוואָרען נאָך ביים ערשטען הויפּט-אָפּמאַך בעת דער איבערגרופּירונג.

אויף דער זיצונג איז געקומען צו שאַרפע וכּוחים און צו פערזענליכע בעליידיגונגען אַזוי, אַז די „אומפּאַרטייאישע" האָבען אַלס פּראָטעסט פערלאָזט די זיצונג.

פרייטאָג איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אַ פּלענאַרע זיצונג פון דער אומפּאַרטייאישער פראַקציע. אויף דער דאָזיגער זיצונג איז בעשלאָסען געוואָרען נישט אָפּצוטרעטען פון דער פאָדערונג און אויב די פאָדערונג וועט נישט נאָכגעגעבען ווערען, זאָל דער אָפּמאַך מיט דער „אגודה" איבערגעריסען ווערען. אויף דער דאָזיגער זיצונג איז מען, ווי מ'גיט אונז איבער, שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען דער „אגודה" אָנווייזענדיג, אַז זיי פיהרען נישט אויס זייערע הבטחות.

ס'איז בעשלאָסען געוואָרען צו פאָדערן אַז דער „וויצע-פּרעזעס" פון דער קהלה-פערוואַלטונג זאָל אויך נישט האָבען קיין רעכט אויסצוצאָהלען אַפילו שוין בעשטימטע סובסידיעס און אַז דאָס רעכט זאָל בעקומען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אין וועלכער ס'זאָלען אַריין פאָרשטעהער פון אַלע פראַקציעס ד. ה. אויך פון די ציוניסטען.

דערווייל קומט די זיצונג פון ראַט נישט פאָר און ס'קען זיין, אַז מיר שטעהען פאַר אַ נייעם קריזיס אין דער קהלה.

*

פון די אגודה'שע קרייזען גיט מען אונז איבער, אַז דער קאָנפליקט איז ענטשטאַנען צוליב די קאַנדידאַטען און אַז דער סכסוך איז שוין ערלעדיגט.

די דאָלאַר-ירידה און די לאָדזער טעקסטיל אינדוסטריע.

(ס) די לעצטע ירידה פון דאָלאַר-קורס אויף דעם לאָדזער מאַרק, האָט אין אַ געוויסער מאָס בעאונרוהיגט די ווירטשאַפטליכע קרייזען. די אומרוהיגקייט שטאַמט נישט אַזוי צוליב דער ירידה פון דאָלאַר, ווי צוליב די וואַקלונגען, וועלכע הערשען אויף דעם געלד-מאַרק.

אויב די ווייטערדיגע ירידה זאָל זיין צו געוואַלדיג, זענען נישט אויסגעשלאָסען ערנסטערע קאָמפּליקאַציעס אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע. דערווייל הערשט אויף דעם טעקסטיל-מאַרק אַ דעזאָריענטירונג און נישט זיכערקייט פאַר דעם ווינטער-סעזאָן. פון איין זייט פערקלענערען זיך די שאַנסען אויף עקספּאָרט, פון דער צווייטער זייט איז פערהאַן אַ מורא, אַז אַ גאַנצע רייהע פירמעס זאָלען נישט אויסהאַלטען צוליב די גרויסע היזקות, וועלכע זיי האָבען. אויב ביז איצט זענען די פאָלגען פון דער דאָלאַר-ירידה נאָך זעהר קליין, קוקט דאָך די אינדוסטריע מיט אומרוהיגקייט אין דער נאָהנטער צוקונפט.

דעמאָנסטראַציע מיט... שיסעלעך זופּ.

דעמאָביליזירטע בעקלאָגען זיך, אַז די מיטאָגען פאַר זיי זענען נישט צום עסען.

(–) אין דער קיך פאַר דעמאָביליזירטע זעלנער ווערען אַרויסגעגעבען טעגליך הונדערט מיטאָגען טעגליך. די קאָנסומענטען פון דער קיך בעקלאָגען זיך אָבער, אַז זיי קענען נישט עסען די מיטאָגען, וועלכע זענען זעהר שלעכט געקאָכט.

נעכטען, ווען די דעמאָביליזירטע זענען געקומען אין קיך אויף מיטאָג, האָבען זיי אָבער בעשלאָסען נישט צו עסען, נאָר מיט די פולע שיסעלעך זופּ אין די הענד, האָבען זיי זיך געלאָזט אין אַ דעמאָנסטראַציע איבער די גאַסען צו דער וואָיעוואָדזטווע, כּדי צו ווייזען די „פּאַטראָנעס".

פאַר דער זאַוואַדזקאַ גאַס זענען די דעמאָנסטראַנטען צוטריבען געוואָרען דורך פּאָליציי. ס'איז נאָר אַרויסגעלאָזט געוואָרען צום וויצע-וואָיעוואָדע אָסאָלינסקי אַ דעלעגאַציע, וועלכע האָט זיך בעקלאָגט, אַז די מיטאָגען קען מען נישט עסען. די דעלעגאַציע האָט אויך פערלאַנגט, אַז מ'זאָל די דעמאָביליזירטע נישט געבען קיין שטיצע, נאָר אַרבייט.

דער וואָיעוואָדע האָט צוגעזאָגט צו זאָרגען, אַז די מיטאָגען זאָלען תּיכּף פערבעסערט ווערען און אַז די דעמאָביליזירטע זאָלען בעקומען עפענטליכע אַרבייטען.

היט אייך פאַר טיפוס!

די צאָהל אָנשטעקיגע קראַנקהייטען פערגרעסערט זיך.

(או) לעצטענס האָט זיך די צאָהל פון אָנשטעקענדיגע קראַנקהייטען אין לאָדז זעהר פערגרעסערט. צוליב דעם אַפּעלירט דער געזונטהייטס-אַמט צו דער לאָדזער בעפעלקערונג, אַז אין יעדען פאַל פון אָנשטעקענדיגע קראַנקהייטען זאָל מען זיך באַלד ווענדען צו אַ דאָקטאָר נאָך הילף.

ווייטער דאַרף די בעפעלקערונג זיך אַליין היטען פאַר די קראַנקהייטען, ספּעציעל פאַר בויך-טיפוס, צוליב דעם דאַרף מען: 1) נישט טרינקען קיין אומגעקאָכט וואַסער און רויהע מילך 2) אויבס עסען נאָר געשיילטערהייד; 3) פאַר'ן עסען זיך וואַשען די הענד און 4) ווענען יעדען פאַל פון אָנשטעקיגע קראַנקהייט, באַלד מעלדען אין געהעריגער סאַניטאַר-אָפּטיילונג.

די אַפערע מיט פאַלשע וועקסלען

עס בעווייזען זיך איצט פרישע פאַלשע וועקסלען. - ס'האַלט שוין ביי אַ מיליאָן זלאָטעס. - אויך צו „באַנק פּאָלסקי" האָבען די אַפעריסטען אָנגעשפּאַרט. - געליטענע פּריוואַטע דיסקאָנטערען

(–) אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן דערנעהנטערען זיך פון 1. אויגוסט, אויף ווען ס'זענען אויסגעשטעלט אַ סך וועקסלען, האָט אויפ'ן לאָדזער וועקסעל-מאַרק ווידער זיך געמאַכט אַ כאַאָס צוליב דעם, וואָס די בעסטע וועקסלען ווערען געשטעלט אונטער אַ פראַגע-צייכען.

ס'האָבען זיך אויך ווידער בעוויזען אין גאַס עטליכע צענדליג וועקסלען פון דער „אויסאַרבייטונג" פון די פעלשער קאָוואַלסקי און יאַקובאָוויטש.

די סומע, אויף וועלכע ס'זענען אויסגעשטעלט די פריש-אַרויסגעשטעלטע וועקסלען, זאָל דערגרייכען ביז אַ מיליאָן זלאָטעס.

אַ ח"ץ די שוין-דערמאָנטע, זענען נאָך דורך די אַפעריסטען געפעלשט געוואָרען וועקסלען פון די פירמעס: א. בונערט, אַקציען געזעלשאַפט, אַלברעכט און גאַמפּע, אַדאָלף דאַובע און ווידזעווער מאַנופאַקטור.

אַ טייל וועקסלען האָבען געזאָלט דיסקאָנטירט ווערען דורך „באַנק פּאָלסקי", וועלכע האָט זיך אָבער בעצייטענס געכאַפּט און אויסגעמיטען אַריינצופאַלען אַלס קרבן פון דער אַפערע.

דאַגעגען ווערט אַלץ גרעסער די מחנה פון בעשווינדעלטע פּריוואַטע דיסקאָנטערען, וועלכע זענען געווען להוט נאָך „גרויסע" זשירעס און דיסקאָנטירט מיט דער ברייטער האַנד. איצט האָבען זיך די דאָזיגע דיסקאָנטערען אַפילו מורא צו אָנערקענען צו דעם, מורא - האָבענדיג פאַר קאָנסעקווענצען...

אַרבייטסלאָזע

פאָדערען מען זאָל זיי העכערען די אונטערשטיצונגען.

(ס) די טעג האָבען מיר געמאָלדען, אַז ס'איז בעשלאָסען געוואָרען צו העכערען די אונטערשטיצונגען פאַר די אַרבייטסלאָזע מיט 12 פּראָצענט. די הוספה זאָל אָבער אַרומנעהמען נאָר אַ טייל פון די אַרבייטסלאָזע.

די קרייז קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע אַרבייטער-פאַראיינען האָבען צוליב דעם בעשלאָסען זיך צו ווענדען מיט אַ מעמאָריאַל צו דער פערוואַלטונג פון אַרבייטסלאָזען-פאָנד. אין מעמאָריאַל ווערט אָנגעוויזען, אַז צוליב דעם הערשענדען יקרות בעקומען די אַרבייטסלאָזע פּאַקטיש נאָר 75 פּראָצ. פון זייערע אונטערשטיצונגען.

די פערוואַלטונג פון פאָנד האָט בעשלאָסען דעם מעמאָריאַל איבערצושיקען קיין וואַרשא.

שטראָפען

פאַר נישט ערליכע בריף-טרעגער.

(פּ) צוליב דעם, וואָס ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז ס'טרעפען זיך פאַלען, אַז די בריף-טרעגער גיבען נישט אָפּ די בריף זייערע אַדרעסאַטען, האָט די לאָדזער פּאָסט אַרויסגעגעבען אַ צירקולאַר, צוצוציהען די בריף-טרעגער צו שטרענגער פעראַנטוואָרטליכקייט.

קראַנקען-קאַסע.

(או) די קראַנקען-קאַסע טיילט-מיט, אַז די, וועלכע זענען צוגענומען געוואָרען צום מיליטער און ווערען אַריינגעצויגען אין די מיליטערישע רייהען, פערלירען דאָס רעכט צו געניסען פון דער קראַנקען-קאַסע.

קינדער פאַר קינדער.

(*) זונטאָג אין אָוונד איז פאָרגעקומען אַ וואוילטעטיגע פאָרשטעלונג מיט טענץ, איינגעאָרדענט דורך אַ גרופּע יודישע מעדלעך. ס'האָבען אָנטיילגענומען: פרל. מאַלטשע סאָכאַטשעווסקאַ (קילינסקי-גאַס 21), געשוויסטער סאַלאַ און רוזשע גראַנאַך, (וואָלטשאַנסקאַ 43), טאָבטשאַ קריגער (ווסכאָדניאַ 56), דאָראַ רוזעוויטש (פּעטריקאָווער 24) און זלאַטע הערשבערג.

די הכנסה 20 זל. איז בעשטימט פאַר'ן יתומים-הויז פון פּולנאָצנע 38. דאָס געלד איז אָפּצונעהמען און אַדמיניסטראַציע „נייער פאָלקסבלאַט".

אַ געשלעג.

(–) אויף פּולנאָצנאַ 16 איז נעכטען אויסגעבראָכען אַ געשלעג צווישען וואָלף לעווקאָוויטש און אלי' יעקב פּענדעלים.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז צו לעווקאָוויטש'ען האָט מען געמוזט אַרויסרופען פּאָגאָטאָוויע, ווייל פּענדעלים האָט איהם אויסגעהאַקט אַן אויג.

קאַפּעלוש-אַרבייטער

פאָדערן 20 פּראָצענט הוספה.

(או) די לאָדזער קאַפּעלוש-אַרבייטער האָבען אַרויסגעשטעלט לוין-פאָדערונגען פון 20 פּראָצענט.

די פאַבריקאַנטען דאַרפען געבען אַן ענטפער אויף דער פאָדערונג סוף היינטיגע וואָך.

אַ מאָרד

אין וואַלד.

(–) דער וואַלד-וועכטער פון דאָרף טשאַפּליניעץ, ביי בעלכאַטאָוו, קאָנסטאַנטי גאַשעווסקי איז אָנגעפאַלען אויף דעם 17-יעהריגען יעראָזאָלימסקי און איהם דער'הרג'עט.

דער מערדער איז אַרעסטירט געוואָרען.

קליינע פעליעטאָן.

דער שטרויענער אַלמן.

אויף ר' זאַנוועל'ן איז איצט געקומען די ריכטיגע צייט.

ער זעהט גאַנץ גוט אויס; ער האָט זיך אפילו פּאָפּראַווירט, גענומען אויף זיך לייב, און אַז איהר פרעגט איהם, אַ שטייגער, ווי געהט עס איהם לעצטענס — ענטפערט ער אייך אָהן שום פערטראַכטען זיך:

— אַ ביסעל בעסער!

— אָט - זאָגט ער - יעך רוה מיך אַ ביסעל אויס די ביינער, יעך כאַפּ מיך אַריין אין אַ פּובליטשנע אָרט, אין גראַנדאָוונע אָגראָדעק, למשל, יעך גיי מיר אַ ביסעל הערען טראָמפּייטן-מוזיק, און ס'גייט מיר ב"ה נישקשה.

ס'איז טאַקי נישט-געפידעלט, אָבער דערפאַר איז עס געטראָמפּייטעלט... הלואי - זאָגט ער - ווינטער נישט ערגער, און נישט קעלטער! אמת, דאָס עסבכץ, וואָס יעך עס אין די רעסטאָראַציעס מ'גאַן מיינע שונאים עסען, אמת יעך קיי שטרוי און פערבייס מיט אַ שעניק - אָבער דערפאַר בין יעך דאָך - ווי זאָגט עטך - אַ שטרויענער אַלמן. יעך רוה מיר אויס די אברים, וואָס מען האָט מיר די פּאָר יאָהר געמאַנגעלט און געפּרעסט, און יעך טו אַריינאָטעמען אַ ביסעל פרישע לופט...

ווייזט אויס טאַקי, אַז מיין יודענע פערשטייט חולאת', אַ סך בעסער פון אַ דאָקטאָר, און זי איז טאַקי אַרום-און-אַרום געווען. ווען זי האָט זיך מיר אָנגעזעצט אויפ'ן קאַרק, און געזעגנט'ט, אַז מייגעטוועגען וועט עס זיין קראַנטער, זי זאָל אַרויספאָהרען אין קרעניץ אין די בלאָטעס אַריין! באמונות, זי פערשטייט אַן עסק, אַז פונקט, ווי מ'ברוך זיך אָבצורוהען פון צאָהלען פּאַדאַטקעס דעם קאָמאָרניק, אַזוי פונקט ברויך מען זיך אויסצורוהען פון צאָהלען שטייער דעם אייגענעם ווייבעל, וואָס ווייל נישט וויסען פון יעדנאָראַזאָווע צאָהלונגען, און האַלט אין איין דינגען זיך: גיב נאָך און גיב נאָך! עסט מענט מיר יאָ גלויבען, צי נישט גלויבען, נאָר יעך שווער איהן, אַז מיט די אויסגעהאָוועטע מזומנים איז מיר אַ סך לייכטער זיך אויסצולייכען, ווי מיט מיין ציווילע אשה! און זי שייט — זי מוז האָבען, יעך מוז געבען און עס מוז טראָגען אויף אַלעם, איז דאָך נישט שייך צו זאָגען! מוז יעך דאָן פערשאַרצען דעם דאַשעק איבער דעם של ראש, אַ קראַץ-טון זיך אין דער רעכטער פּאה, און גיין אין משה רבינו'ס דרכים - דאָס הייסט, פּראָסט פשוט אַרויסקנאַקען די פּאָר זהובים פון דער קניע, אָדער פון דעם שטיינערנעם דעפּטאַק!...

זי — את אשתי זי זאָל מיר מאריך ימים ונשים זיין ווייל נישט וויסען פון קיין שום רעקורסען, פון קיין שום ראַטעס, פון זאַלעגלעס — איהר געב פּאָדאָוואַי שלשה פעמים חי — אבי צום לעבען!

יעך מוז, יעך מוז, און נאָך אַ מאָל יעך מוז פּאָהרען! נו, מילא-מה! איז זי מיר אָוועקגעפאָהרען אין די בלאָטעס אַריין, ווי די גמרא זאָגט - דבר אחד ביד חוקה שתים, אַ דבר אחר ציהט עס אין בלאָטע און יעך מיין, אַז ווען מען האָט דאָס ווייב אפילו אין דער ערד, איז מען נאָך אויך נישט קיין אַלמן, נאָר העכסטענס אַ שטרויענער אַלמן!

אמן.

Dr. med.
EYCHNER Jakób
Aleja 1-go Maja 16, Tel. 11-24
אינערליכע- און קינדער - קראַנקהייטען.
נעהמט אָן פון 6 – 7, זונטאָג פון 3–4.

וועגען דירה-געלד

פאר איינשטוביגע וואוינונגען, וועלכע געפונען זיך צוזאמען מיט ווערקשטאטען.

באלד, ווי עס איז נאר פערעפענט-ליכט געווארען די נאוועלע צום דעקרעט פון לאקאטארען-שוץ וועגען אפשטעלען אין משך פון לויפענדען יאהר די 6 פראצענט קווארטעלדיגע הוספות פאר איינשטוביגע (אהן אדער מיט א קיך), וואוינונגען, האבען מיר אין „נ. פ." פון 10 מערץ אנגעוויזען, אז די דערמאהנטע הנחה איז חל אויף איינשטוביגע לאקאלען, וועלכע ווערען בענוצט נישט נאר אויסשליסליך אויף וואוינונגען, נאר אויך גלייכצייטיג אויף ווערקשטאטען.

די הויזווירטען, שטיצענדיג זיך אויף דער נישט אינגאנצען קלאהרער פארמולירונג פון געזעץ, האבען אבער פון דער לעצטער קאטעגאריע לאקאטארען ווייטער געפאדערט די 6 פראצענט הוספות. זענען טאקי אויף דעם באדען ענטשטאנען שארפע ככוכים צווישען די הויזווירטען מיט זייערע לאקאטארען.

די איבערגעשראקענע לאקאטארען האבען אבער קיינמאל נישט געפרובט אזא סכסוך צו דערפיהרען ביז צום געריכט און זענען כמעט אלע מאל איינגעגאנגען אויף דער פאדערונג פון אלמעכטיגען הויז-ווירט.

האט אבער ווען עס איז אזא ענין יא אנגעשפארט אין געריכט, איז ער מייסטענטייל ערלעדיגט געווארען אין גינסטיגען פאר'ן הויז-ווירט, גייס.

לעצטענס אבער האבען די לאדזער פרידענס-געריכטען ארויסגעטראגען א גאנצע רייה אורטיילען, וועלכע בעשטעטיגען אונזערע אויספיהרונגען, אז די נאוועלע איז נישט חל אויף איינשטוביגע וואוינונגען, וועלכע זענען פערנומען נאר דורך ווערשטאטען — דאנענען שפריים זי זיך יא אויס איבער די יעניגע לאקאלען, וואו עס געפינט זיך דער ווערקשטאט צוזאמען מיט דער וואוינונג.

אבער נישט ביז אין פ"ט פון אפשטעלען די ווייטערדיגע 6 פראצ. הוספות שעפט זיך אויס די וויכטיגקייט פון דעם ענין, נור פון דער דערמאנטער אינטערפעטאציע דרינגט נאך פאלגענדער יורידישער פועל יוצא:

אזוי ווי די נאוועלע איז חל נאר אויף די לאקאלע, וועלכע פאלען ארונטער דער קאט. A פונקט 1 ארט. 6 פון דעקרעט וועגען לאקאטארען-שוץ — ממילא געהערען די איינשטוביגע וואוינונגען, אין וועלכע ס'ווערט איינצייטיג געפיהרט א ווערקשטאט, אויך צו דער קאטעג. A, און נישט, ווי די הויז-ווירטען קוואליפיצירען זיי, צו דער קאטעגאריע B.

ווי באלד אזוי, האבען די לאקאטארען פון אזעלכע וואוינונגען, געדארפט אנהויבען אין יוני 1924 צו צאהלען דירה-געלד נישט 10 פראצ. נאר 5 פר. פון גרונד דירה-געלד אזוי, אז פאר'ן ערשטען קווארטעל 1926 זענען די לאקאטארען פון 1 שטוביגע וואוינונגען מיט ווערקשטאטען מחויב געווען צו צאהלען 43 פראצענט פון גרונד דירה-געלד פ נקט, ווי די לאקאטארען, וועלכע פיהרען אין זייערע וואוינונגען נישט קיין ווערקשטאטע. האבען דאך אבער די ווירטסלייט קוואליפיצירט אזעלכע וואוינונגען לויט דער קאטעגאריע „בע" און דעריבער ווייטער גענומען די 6 פראצ. הוספה צו יעדען קווארטעל — קומט אויס, אז פאר'ן לעצטען קווארטעל האט דאס דירה-געלד שוין בעטראפען 54 פראצ. פון דער סומע, וויפיל די זעלבע וואוינונג איז געגאנגען אין יוני 1914.

הייסט עס, אז די ווירטסלייט האבען פון זייערע לאקאטארען פאר אזעלכע לאקאלען מעהר גענומען פון די געזעצליך בעשטימטע נארמען אין משך פון דער גאנצער צייט פון דעקרעט צו 5 פראצ. פאר יעדען קווארטעל, און אנהויבענדיג פון א קווארטעל פון לויפענדען יאהר-אויך אנ'איבריגע 6 פראצ. הוספה.

מילא די סומע, וואס איז איבערגעצאהלט געווארען ביז'ן 1. יאנואר 1926 איז שוין פערפאלען, ווייל לויט'ן 3-טען פונקט ארט. 10 פון דעקרעט וועגען לאקאטארען-שוץ, ווערען פערפאלטערט אזעלכע ארט תביעות נאך 6 חדשים.

בנוגע אבער דער איבערגעצאהלטער סומע אין משך פון די לעצטע 6 חדשים, דארפען די בעצולה'טע לאקאטארען אומבעדינגט צוריק-פאדערען צוזאמען מיט א געהעריגען געזעצליך אנערקענטען פראצענט.

י. אינפעלד.

גיכאפט אנ'אנטלאפענעם קאסיר

וואס איז בעגאנגען מיסברויכען אין אנשטאדט'ס ברוייריי.

(אז) מיט א צייט צוריק איז דער קאסירער פון אנשטאדט'ס ברויעריי, מיכאל קאנטשאק בעגאנגען א רייה מיסברויכען און דערנאך אנטלאפען קיין אויסלאנד מיטנעהמענדיג מיט זיך 38 טויזענד זלאטים.

געגען קאנטשאק'ן זענען פונאנדערגעשיקט געווארען שטעק-בריף אין אלע שטעדט פון פוילען און אויסלאנד.

עהערנעכטען איז קיין לאדז אנגעקומען א ידיעה. אז קאנטשאק איז פערהאלטען געווארען אין בערלין — און — נעכטען האט מען איהם שוין געבראכט קיין לאדז, און איז א בערגעבען געווארען אין רשות פון אויספארשונגס-ריכטער.

שטרייק אויף די עפענטליכע ארבייטען איז נעכטען טיילוויז אויסגעבראכען.

סכנה פון אן אלגעמיינעם שטרייק פון אלע שטאטישע ארבייטער.

(ב) אין הכם מיט'ן אנגענומענעם בעשלוס אויפ'ן מיטינג פון די עפענטליכע ארבייטער, איז נעכטען אויסגעבראכען דער שטרייק אויף די שטאטישע פלאנטאציעס און ביי די שטאטישע ברוקירער.

נעכטען האט דער שטרייק נאך נישט ארומגענומען אלע ארבייטער, ערשט פון היינט אן וועט דער שטרייק פערברייטערט ווערען.

היינט וועלען אויך צוטרעטען צום שטרייק די קאנאליזאציע-ארבייטער.

אויב דער שטרייק זאל זיך פערשארפען, וועלען זיך אויך סאלידאריזירען צום שטרייק די אנגעשטעלטע און ארבייטער אין די שפיטאלען, טראמוואיען, גאזאווניע און עלעקטראווניע.

— —

די פייערונג אין „ראזאלינא".

א נחת-רוח, נישט אין באנאלען, נאר אין הזכערען זין, בעקומט מען זעהענדיג, ווי קינדערלעך, וואס וואלטען געווען אויסגעשעלט צו זיין שמוציג, הונגעריג, פערוואגלט... ס'זענען דאך יתומים...

געהען גאר אנגעטון ריין, שעהן, זענען זאט און ועל כולם — געזונד. דאס איז דאך די וויכטיגסטע אויפגאבע פון סאנאטאריום „ראזאלינא".

אט לויפען זיי ארויס די קינדערלעך מיט שמייכלענדיגע בליקען און פרעהליכע אויגעלעך, פיל פייד און לוסט, טאנצענדיג און וויילענדיג מיט זייער לעבעדיגקייט די געסט. ס'איז דאך אויך זייער יו"ט.

אונז האט זיך געוואלט זעהן נישט נאר די אויסערליך דעקאראטיווע זייט'. מיר האבען ארומגעקוקט אויך היינטער די קוליסען, און מיר מוזען מיט צופרידענהייט קאנסטאטירען, אז ס'איז אלעס עכט, אויפריכטיג און הארציג.

די זונטאגדיגע פייערונג איז געווען אנ'אמת'ער יו"ט. די געסט און פריינד פון דער אינסטיטוציע האבען מיט פערגעניגען צוגעזעהען די מוסטערהאפטע איינארדנונגען און ארדנונגען פון דער אינסטיטוציע; ווי די קינדער שפילען, טאנצען, זינגען און דעקלאמירען יודיש, פויליש און העברעאיש.

א יודיש-פאלקס-לידעל האט שוין דארט בעקומען די בירגערשאפט. אנ'ערשיינונג, וואס איז ווערט בעגריסט צו ווערען. און וואס בעווייזט, אז די פיהרער פון דער אינסטיטוציע האבען פערשטאנען, אז די קינדער דארפען נישט און קענען נישט אפגעריסען ווערען פון זייער סביבה. די דאזיגע לידער זענען אויך ווארים אויפגענומען געווארען דורכ'ן פערזאמעלטען עולם, פאר וועלכען ס'איז ביז דער סאמע לעצטער צייט געווען א גאנץ פרעמדע זאך. ס'ווירקט געגענזייטיג.

מתנות האבען די קינדער בעקומען ווי יעדעס יאהר. היי-יאהר האבען די קינדער אליין געהאט דעם אויסוואהל, און זיי האבען פערלאנגט פראקטישע זאכען, נישט קיין שפילצייג און נאשערייי: קעמעלעך, קאפ-טיכלעך, ביכער, זאקען, און זיי האבען עס בעקומען. דער פערזאמעלטער עולם האט געדאנקט די פערוואלטונג און צוגעזאגט צו שטיצען די נוצליכע אינסטיטוציע. אויפ'ן ארט זענען געצייכענט געווארען קלענערע און גרעסערע סומען. ארום 8 אין אווענד איז די פייערונג פערענדיגט געווארען.

D-ski.

פאסט-טאריף

איז נישט טייערער געווארען.

מחמת דעם וואס ס'האבען זיך בעוויזען ידיעות אין די צייטונגען, אז דער פאסט טאריף ווערט געהעכערט אויף 10 פראצענט, ערקלעהרט די לאדזער פאסט-דירעקציע, אז דאס איז נישט ריכטיג.

ס'זענען נאר געהעכערט געווארען די דירעקטע און אונדירעקטע שטייערן און שטעמפעל-מארקעס. דאנעגען דער פאסט-טאריף — נישט.

א בריף קאסט ווייטער 16 גראשען א פאסט-קארטעל — 11 גראשען; דרוק — 6 גראשען; א רעקאמע דירטער בריף — 46 גראשען.

מ'זאמעלט געלד

אויף צו פערטיידיגען דעם מערדער פון דאבראניצקי'ן.

(או) די „ראדע" פון די לאדזער פראפעסיאנעלע פעראיינען האט אויפגעפאדערט די פאבריקס-דעלעגאטען פון אלע פאבריקען, אז זיי זאלען אנהויבען צו זאמלען געלד אויף פערטיידיגער פאר יאבלאנסקי'ן, דעם מערדער פון פאבריקאנט דאבראניצקי.

אין קרויזע'ס פאבריק איז שוין געזאמעלט געווארען א גרויסע סומע געלד.

ערפאלג פון 3. „אזאזעל"-פראגראם.

פונקט ווי די ערשטע צוויי פראגראמען, ציהט דאס דריטע פראגראם פון „אזאזעל" כסדר צו א גרויס פובליקום.

די ארטיסטען שפילען זיך אלץ מעהר איין אין דעם נייעם פראגראם, וואס רופט ביי אלע ארויס ענטציקונג און צופרידענקייט.

דער „פילהארמאניע-זאל" איז יעדע נאכט איבערגעפולט. אז דאס פראגראם נעהמט שטארק אויס, איז דער בעסטער סימן, וואס די אפלאדיסמענטען הערען נישט אויף נאך יעדען נומער און כמעט אלץ מוז ביסירט ווערען.

א גאר-שטארקען ערפאלג האבען די שלאגער-נומערן: „קלינגען גלאקען" און „אוי, האט ער א פייער" (ביידע זעהר פיין או סגעפיהרט דורך ה' סטרוגאטש און זיין אנסאמבל), „מיידעלע מאי" און „מערי טאנצט" (אלא לילית) און „וואקס-פיגורען" (נאדיק און לילית).

היינט ווער שמועסט נאך די „דבוקים" — אויסגעפיהרט דורך די טאלאנטפולע הערמאן-סטודיאנטען,—בלייבט אנ'ערשטקלאסיג פראגראם, וואס איז ווערט צו זעהן!

פון געריכט.

„זי" האלט זיך אין געריכט, פונקט ווי אויף דער „בוקעטע"...

(—) אין פרידענס - געריכט פון 7. קרייז איז נעכטען געשטאנען אלס בעשולדיגטע א „דאמע" פון דער „האלבער וועלט" מאריא בוכרא.

זי איז געקומען אין געריכט אויסגעפוצט אין עסיג און אין האניג און בעשמירט מיט פודער, רוזש, פאמאדא און אנדערע נויטיגע קליינגקייטען צו „פאוואדזענע"...

דער ריכטער האט זי אויסגעפרעגט וועגען נאמען, פאמיליען-נאמען, פאך... און זי האט געלאסען געענטפערט אויף אלעם, נאר ביים „פאך" האט זי זיך א ביסעל פערהאקט.

זי האט זיך אבער באלד אנגעהויבען דענערווירען און אויסגעשריגען:

— וואס ווילט איהר פון מיר?

— איהר זענט בעשולדיגט, אז: איהר האט זיך נישט געשטעלט רעגולער צו דער „אונטערזוכונג", געזידעלט און פערטשעפעט מענשען אין גאס, און זיך געווארפען שלאגען אויף א פאליציי-פונקציאנאר וועלכער האט אייך געוואלט מיט געוואלד אפפיהרען אין סאניטאר-אמט.

— נו, און אז יא? איז וואס ווילט איהר פון מיר — האט זי חוצפדיג געפרעגט.

— איהר ווערט פער'משפט אויף 7 טעג ארעסט אין 30 זלאטעס שטראף.

— דאבזשע! קען איך שוין געהן?

זאל פילהארמאניע

ערשטער יוד. ווארשאווער מיניאטור-טעאטער

אזאזעל

אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון דוד הערמאן.

היינט, דינסטאג, 9 אווענד — דער 5-טער טאג פון דער פרעמיערע פונ'ם נייעם

3-טען פראגראם!!

רעזשיסער — דוד הערמאן.
מוזיק לייטער — ה. קאן.
דעק. לייטונג — וו. ווייסטרויב.
קאנפעראנסיע — וו. גאדיק
געש.-פיהרער — י. דאנצינגער.
בילעטען צו בעקומען אין קאסע.

מיליטערישע בעשטעלונגען פאר דער לאדזער אינדוסטריע.

די בעמיהונג פון דער לאדזער האנדעלסקאמער ביי דער רעגירונג.

(א) בעת די לעצטע בעשטעלונגען אויף טוך פאר'ן מיליטער-געברויך, האט דאס קריגס-מיניסטעריום אינגאנצען אויסגעמיטען לאדז, איבערגעבענדיג אלע בעשטעלונגען אויף 120 טויזענד מעטער איינע פון די ביעלסקער פאבריקען, הגם די לאדזער פאבריקען האבען פארגעלעגט דיזעלבע בעדינגונגען.

ווי מיר דערוויסען זיך, האט זיך וועגען דעם ענין געווענדעט טעלעגראפיש צום פרעמיער און האנדעלס-מיניסטער דער לאדזער וויצע-וואיעוואדע ד"ר אסאלינסקי. אין זיין דעפעשע וויזט ער אן, אז צוליב דער גרויסער ארבייטסלאזיגקייט זאלען די מיניסטארען ווירקען אויף דער מיליטערישער מאכט, זי זאל ענטגעגען-קומען די אפערטען פון די לאדזער אינדוסטריעלער.

האנדעלס-בעציהונגען מיט סקאנדינאוויען.

(א) ווי מיר דערוויסען זיך פון די היגע אינדוסטריע-קרייזען, קומען די טעג צו פאהרען אין אונזער שטאדט סוחרים פון סקאנדינאוויען. די סוחרים האבען בדעה צו שליסען גרעסערע טראנזאקציעס מיט'ן דער לאדזער אינדוסטריע.

די פערגאנגענע וואך האבען די סקאנדינאווער געסט געווילט אין ביאליסטאק, וואו זיי האבען איינגעקויפט א גרעסערע פארטיע-סחורה.

אנאנימער בריף צו דער לאדזער קהלה

וועגען אונטערגעווארפענע הינדער.

(—) אין דער לאדזער קהלה איז אנגעקומען אנ'אנאנימער בריף פון עפעס א גרופע, וועלכע מוסר'ט די קהלה דערפאר, וואס זי זארגט נישט, אז די אונטערגעווארפענע קינדער זאלען נישט אריינפאלען אין די הענד פון שטאטישען פינדעל-הויז, וואו די קינדער ווערען נישט ערצויגען אלס יודען.

די מחברים פון דעם בריף שרייבען, אז זיי גיבען נישט אן זייערע נעמען צוליב פערשטענדליכע טעמים.

יורידישע עצות.

אין דער דאָזיגער אָפּטיילונג גיט די רעדאַקציע פון „נייער פאָלקסבלאַט" ענטפערן אויף יורידישע אָנפראַגען, וואָס ווערן צוגעשיקט נאָר שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופּאָן.
יורידישע אָפּטיילונג
פון „נייעם פאָלקסבלאַט"

בײַם דערלאַנגען אַן אָנפראַגע אויף אַ יורידישע עצה דאַרף צוגעלעגט ווערן דער קופּאָן פון דער דאַטע פון טאָג, ווען די אָנפראַגע ווערט אַריינגעגעבן. אויף אָנפראַגען אָהן קופּאָן וועט קיין ענטפער ניט געגעבן ווערן.

גילטיג דעם 27-טען יולי 1926.

1761 אלעזער פון פּאַמאַרסקאַ 25.
הגם מאַסגעבענד פאַר'ן געריכט איז נור אַן אורטייל פון העכסטען געריכט און נישט פון קיין נידעריגע געריכטס-אינסטאַנץ, פונדעסטוועגען קאָנט איהר זיך אין געריכט פעררופען אויף אַן אורטייל אין אַן עהנליכען פּראָצעס בפרט פון ועמזעלבען פרידענס-געריכט.

— —

1762. אַ שט. לעזער, לאַנעווניצקאַ.
1763. רבקה יאַקובאָוויטש, פון סוּבאַלסקאַ 12.
1764. חיים עפּשטיין.
1765. אַ לעזער פון אָזאָרקאָוו.
1766. אַ שט. לעז. פון פּעטריק. 17.
1767. ה. ב. פון קילינסקאַ.
1768. אַ לעזער פון ספּאָרט-אָפּטיילונג.
1769. אַ שט. לעז. פון זאַוואַדזקאַ 27.
1770. י. וו. פון ראַדאָגאָשטש.
וועגען אייערע ענינים דאַרפט איהר זיך פערזענליך פערשטענדיגען מיט אונזער יוריסט אין רעדאַקציע, טעגליך פון 3 ביז 4 נאָכמיטאָג מיטברענגענדיג די צייטונג.

— — —

1771. אַ קאָוואַל פון לאַגעווניצקאַ.
אויב דאָס גרונד דירה-געלד פאַר אייער וואוינונג בעטרעפט 120 רובל — דאַרפט איהר צאָהלען פאַר יעדען קוו: און משך פון היינטיגס יאָהר 34.40 און פאַר די אויסגאַבען 4.80; פאַר דער קוזשניאַ ביי 80 רובל גרונט דירה-געלד דאַרפט איהר צאָהלען פאַרן 2. קוו. - 28.76 (54 פר.) און היינטיגען קוו. 31.95 (60 פר. פון גרונט דירה-געלד). אויפ'ן חשבון פון די אויסגאַבען צאָהלט צו 3 פּראָצ. פאַר יעדען קוו. אָדער 1.60.

— — —

1772. אַ 1907-נער.
קודם כל מוזט איהר פּובליקירען אין דער וואָיעוואודזקע צייטונג וועגען פערלוירענעם דאָקומענט. וואָס שייך אַ פּאַס, קאָנט איהר בעקומען פון רעגירונגס-קאָמיסאַריאַט. אָבער נור אַ צייטווייליגען ד. ה. גילטיג נאָר ביז אייער פּאַבאָר.

— —

1773. ג. ד.
אויף וואָס פאַרע אופן איהר זאָלט נישט וועלען פערדינגען דעם צימער, אָדן אַ געריכטס אורטייל וועט איהר דעם סובלאָקאַטאָר סיי-ווי נישט קענען בעזייטיגען. די אַלע פּערוואַנישען ביים פערדינגען קאָנען נאָר האָבען אַ ממשות אויף אַזוי פיל, אַז עס זאָל אייך לייכטער זיין צו בעקומען אַן עקסמיסיע אויף אייער שכן. וועגען אופן פון קאָנטראַקטירען דאַרפט איהר זיך פערזענליך פערשטענדיגען מיט אונזער יוריסט.

— — — —

1774 י. ב. אונטער לוטאָמירסק.
אויב איהר האָט אַ בעשטעטיגונג פון אייער גמינע-פערוואַלטונג, אַז איהר האָט שוין אין בעזיץ דאָס געקויפטע אייגענטום פאַ'ן 14. סעפּטעמבער 1919 יאָהר דאַרפט איהר ביים איבערשרייבען אויף אייער נאָמען נישט פאַרשטעלען קיין ערלויבעניש אויפ'ן קנין פון אורושאַנד זשעמסקי. פעררופט זיך אויפ'ן פונקט 2 אַרט. 1 פון אוסט. פון 2. יולי 1924 (דז. אוסטאַוו נומר 69, יאָהר 1924. פּאָז. 669). אויב דער פערקויפער וויל אויך דאָס פערמעגען ביים רעיענט נישט איבערשרייבען. קאָנט איהר זיך ווענדען אין קריגס-געריכט ביילעגענדיג די פּונקטאַציע מיט אַ בקשה, אַז מען זאָל אייך אַקצעפּטירען דער קנין אָהן דער הסכמה פון פערקויפער. דעם חוב קאָנט איהר פערלאַנגען, אַז מען זאָל פונאַנדערלעגען אויף 5 גלייכע יעהרליכע ראַטעס. דער חוב יוערט נבעפאָרצוגט לגבי אייערע אַנדערע חובות.

— — — —

1775. ה. זילבערבערג, בזשעזינער 13.
די נאָוועלע צום דעקרעט פון לאָקאַטאָרען שוץ וועגען אָפּשטעלען די לויזענדע הוספות צום דירה-געלד אין משך פון יאָהר איז חל אויף אַלע איינשטובינע (מיט, אָדער אָהן אַ קוך) וואוינונגען אַלץ איינס, צי די לאָקאַטאָרען זענען אַרבייטלאָז, אָדער נישט. אויפ'ן חשבון פון די אויסגאַבען דאַרפט איהר נישט צאָהלען 10 פּראָצ. נאָר 6 פּראָצ.

ארגענטינא איז היינט נישט דאס וואס אמאל.

עס איז שוין מעהר נישט דאָס לאַנד פון ווײַסע שקלאַפען-האַנדעל, — דער נייער יודישער ישוב און דער קולטורעלער אויפטו.

קאָרעספּאָנדענץ פון בוענאָס-איירעס פון ד. בן ברוך.

וויפיל עס איז שוין נישט געשריבען געוואָרען פון און איבער אַרגענטינאַ, איז עס נאָך אַלץ געבליבען פאַר דער גאָרער וועלט אַ לאַנד, וואו האַלב-ווילדע לויפען אַרום באָרוועס און האַלב-נאַקעט איבער די גאַסען און פאַר די יודען — אַ גיהנום, וואוהין יודישע טעכטער, אומ'ברחמנות אַוועקגעריסענע פון זייערע נאָהענטסטע און טייערסטע, ווערען פערפירט און דאָרט פערקויפט צו אַ לעבען פון שאַנד און זינד.

עס האָט נישט געהאָלפען דער גוטער גרוס, וואָס פּרץ הירשביין האָט אין יאָהר 1914 געבראַכט פון די „ווייטע לענדער", נישט די גבית-עדות'ן פון די ציוניסטישע און סתם יודישע פּערזענליכקייטען ווי ב. עפּשטיין, אַ. גאָלדשטיין, י. ל. ווילענסקי, ל. יפה, לאַצקי בערטאָלדי, א. ש. יוריס, ב. מאסענזאָן און אַנדערע, וואָס האָבען אַינ'ם משך פון די לעצטע צעהן יאָהר בעזוכט אַרגענטינאַ און אַפילו דער ברייטער גרוס, וואָס ה. ד. נאָמבערג האָט אַזוי קינסטלעריש איבערגעגעבען אין אַ סעריע פעליעטאָנען, האָט נישט בעוויזען אויף אַ האָר די אָנגענומענע מיינונג וועגען דעם לאַנד צו מאַכען בלאַסער. אין געגענטייל, עס איז געוואָרען וועלבער עס איז „בן בלי שם", מעג דאָס זיין אַן אַקטיאָר, אַ „דורכגעפאַלענער שטערן" וואָס האָט דאָ דערוואַרטעט אַן'אונפערדינטען רוהם, צי סתם ווער וואָס האָט זיך דאָ פאַרגעשטעלט גליקען און איז מיאוס ענטוישט געוואָרען, זאָל „אָנווארטען די לענדען" און אויסגיסען כל חמתו אויף אַרגענטינאַ מיט איהרע יודען, אַלס אַ תהום פון זנות און טמאה און די שוין אַזוי אויך שלעכטע מיינונג זאָל נאָך שוואַרצער ווערען, פינסטערער.

וואָס איז די סבה און פון וואַנען ציהט זי איהר יניקה?

אמת, קיין אַרגענטינאַ ווי אין אַלע לענדער, האָט זיך מיט'ן שטראָם פערטראָגען אויך אַ היבש ביסעל אָפּפאַל, צווישען וועלכע יודען האָבען אַן'אָנגעזעהענעם חלק. ווי גרויס אָבער די צאָל זיינע זאָל נישט זיין, ווערען זיי דאָך בטל בששים לגבי דער אַלגעמיינער צאָל, וואָס דער יודישער ישוב צעהלט היינט צו טאָג, און עס איז דאָך באמת אַן אַבסורד. קיינעם פון די אומות-העולם, — מיר'ן נעהמען דאָס פראַנצויזישע פאָלק צ. ב., וואָס פערנעמט אין היגען אָפּפאַל דעם אויבענאָן, — וועמען וועט עס גאָר איינפאַלען אַפילו קוקען קרום אויף אַ גאַנצער קאָלאָניע זייער צוליב'ן ביסעל אָפּפאַל? אונז אַליין איז דאָך אויך קיינמאָל נישט איינגעפאַלען צו וואַרפען אַן'אומ'חן אויף די יודישע קהלות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַלעקסאַנדריע צוליב'ן אָפּפאַל, וואָס האָט זיך פערקליבען אַהין, אין יענע שטעט.

און אויב ס'איז נישט ווייניגער אמת אַז פון די אַלע גרויסע האָפנונגען, וואָס מען האָט ביי אונז אין די אַכציגער יאָרען געלייגט אויף אַרגענטינאַ אַלס אַ צווייט ארץ-ישראל פאַר יודען, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך; פון די דריי מיט אַ פערטעל מיליאָן יודען, וואָס באַראָן הירש האָט געחלומט אין משך פון פינף און צוואַנציג יאָהר דאָרט בעזעצען אויף ע״ד, זענען אינ'ם פערלויף פון דרייסיג יאָהר קוים קנאַפּע דריי טויזענד פאַמיליעס קאָלאָניזירט געוואָרען. קאָן עס אָבער נאָר זיין אַ פאַקטאָר אָפּצואווענדען דעם יודישען דעת-הקהל פון איהר אַלס אַזעלכע, אָבער פאַר קיין פאַל נישט איגנאָרירען דעם גאַנצען היגען יודישען ישוב, וואָס צעהלט מעהר פון צוויי הונדערט טויזענד, שטעהט שוין אויף די אייגענע פיס און האָט זיך שוין אסור נישט מיט וואָס צו שעהמען און אַראָפּפאַלען פאַר אַנדערע יודישע ישובים אין די גלות-לענדער.

נישט גרינג איז איהם דאָס אָנגעקומען. אינגאַנצען דרייסיג יאָהר צעהלט דער היגער יודישער ישוב און די אַלע יאָהרען זענען איין לאַנגע קייט פון אונאויפהערליכע מלחמות, אינערליכע ווי אויסערליכע. אַ מלחמה מיט דער פרעמדער סביבה, וואָס האָט געלויערט אויף טריט און שריט איהם איינצושלינגען און אין דער זעלבער צייט, אַ מערבי-טערטער קאַמף מיט דער טמאים-פעסט, וואָס האָט זיך איהם אָנגעטשעפּעט ווי אַ קלעק.

ענערגיע און כחות אָהן אַ צאָהל און אָהן אַ מאָס זענען אין די מלחמות פערשווענד געוואָרען; מעהר ווי איין מאָל האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ צווייפעל פון נישט קענען ביישטעהן די שווערע נסיונות און סוף-כל-סוף בעזיגט און פערשלונגען ווערען. דער געזונדער טייל פונ'ם ישוב האָט זיך אָבער אימפּאָנירט. אמת, מיט די לעצטע כחות געקעמפט, אָבער דאָך געזיגט. דעם טמאים-האָרב האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפען: פערטריבען זיי פון די שולען און חברות, די מתים זייערע אויפן בית עלמין נישט געלאָזט בעגראָבען און ווי די מצורעים מחוץ למחנה אין זייער גאַנצען העסליכען פרצוף אַוועקגעשטעלט און ערשינען פאַר דער אַרגענטינער געזעלשאַפט נישט מעה״ אין דער טונקעלער שיין פון „רוסאָס", אַ וואָרט אינטער וועלכען מ'האָט פערשטאַנען אַלדאָס בייז, נאָר אַלס שטאָלצע און בעוואוסטזיניגע יודען, גלייכבערעכטיגטע בירגער ווי אַלע איבעריגע.

דער סאַמע קריטישסטער מאָמענט אין דער היסטאָריע פונ'ם אַרגענטינער יודענטום איז אויסגעפאַלען פונקט ב״ם אָנהויב פון דע״ גרויסער וועלט-מלחמה. ביז 1914 איז דער היגער יידישער ישוב אינגאַנצען געוועזען אויף די פּלייצעס פונ'ם מורח-אייראָפּעאישען יודענטום. די גאַנצע גייסטיגע יניקה האָט מען פון דאָרט געצויגען. זיי האָבען אונז צוגעשטעלט כלי-קודש, לעהרער, אַפילו אַ צייטונג אַ העבראַאישע ווי אַ יודישע האָט מען פון דאָרט אויסגעשריבען.

מיט'ן אויסברעכען פון דער גרויסער וועלט-מלחמה, ווען די בריק צווישען דער אַלטער היים מיט דער צייטווייליגער איז אָבגעבראָכען געוואָרען, האָט זיך דאָס אַרגענטינער יודענטום דערזעהן אָפּגעריסען פּלוצים „פון גאָט און פון לייט". אַזאַ לאַגע האָט לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטען, און ס'לעבען האָט געפאָדערט זיינס. האָט מען צופּאַקט די „פּעקלעך", זיך גענומען מעהר צוקוקען און אַ״ב דערזעהן, אַז עס איז נישט „הכצעקתה". אַרגענטינע איז גענוג גרויס און רייך און איז ביכולת צו געבען ברויט צו זאַט טויזענדער, וואָס ווילען נאָר אַרבייטען. האָט מען זיך טאַקי מעהר-ווייניגער איינגעאָרדענט עקאָנאָמיש און גענומען אַליין זאָרגען פאַר'ן גייסט. די צופּיצעלטע קרעפטען האָבען זיך גענומען פעראייניגען, גענומען זיך אָרגאַניזירען, און ווען ס'איז שפּעטער אונטערגעקומען דער גרויסער רוף נאָך הילף פאַר די מלחמה-קרבנות, האָט ער שוין געטראָפען אַ רעלאַטיוו-גוט אָרגאַניזירטען ישוב. דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט מיט דער באַלפור דעקלאַראַציע.

און ווען מיר נעהמען איצט, נאָך אַ משך פון 12-10 יאָהר, אַ בליק טון אויף צוריק, בלייבען מיר שטעהן פערגאַפט לגבי דעם קאָלאָסאַלען אויפטו פונ'ם יודישען ישוב פאַר אַזאַ קורצע״ צייט בערך. בעגרעניצט אין קרעפטען, נישט צוגעגרייט און אָהן דער נויטיגער פּראַקטיק, און ווי שעהן דער היגער ישוב האָט זיך צעוואַקסען! אַ בליהענדע יודישע פּרעסע, וואָס איז אַ צירונג אין קראַנץ פון דער אלוועלטליך-יודישער, אַ שטאַרקע ציוניסטישע בעוועגונג, גרויסע אָרגאַניזירטע חברות פאַר כל'צרלייי וואוילטעטיגע צוועקען; אַ בית-יתומים, אַ שפּיטאָל, אַ מושב זקנים, אַ בית-יתומות און הכנסת אורחים לויט די לעצטע מאָדערנסטע איינריכטונגען; אַ פערצווייגטע נעץ יודישע שולעס פון כל'ערליי קאָלירען, אַ בעדייטענדע צאָהל יודיש-אַרגענטינער שרייבער און דיכטער, אַנ־ערנסטער פּראָוו פאַר אַן'אייגענעם ביכער-פערלאַג, און וואָס דען נישט? האָט זיך דאָ אין דער אַרגענטינער הויפּט-שטאָט אַ צייט געטומעלט וועגען פאָרמירען אַ גוט-איינגעאָרדנטע יודישע קהלה, וואָס אויב זי איז איבער געוויסע אורזאַכען נאָך נישט אַרויס מכח אל הפועל. איז אָבער מעהר ווי זיכער, אַז זי וועט אין דער נאָהענטסטער צוקונפט צושטאַנד קומען און ברענגען ברכה דער גאַנצער אַרגענטינער יודישער בעפעלקערונג.

אַ חזן האָט אָפּגעראַטעוועט אַ גאַנץ שטעטעל.

געווען איז עס אין יענער פינסטערער צייט, ווען אַ בלוטיגע כמאַרע האָט דעם יודישען הימעל אויף אוקראַינע פערדעקט, ווען מיט יודיש בלוט, האָבען פערשידענע באַנדעס געפאַרבט זייער פאָהן פון נצחון און בעפרייאונג...

דעמאָלט האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שוידערליך, האַרצרייסענדיג בילד אין אַ שטעדטעל פון כערסאָנער גובערניע: אין מיטען אַ געוויסער נאַכט איז דאָס שטעדטעל אריבער אין די הענד פון אַ באַנדע, וועלכע האָט זיך שוין אויסגעצייכענט מיט שחיטות אויף יודען אין אַנדערע ערטער. פערשטעהט זיך, אַז אַ טויט-שרעק איז געפאַלען אויף דעם שטעטעל, אַז נישט נאָר מ'איז שוין נישט געשלאָפען, נאָר אַ טייל האָבען פון שרעק און פחד פון בעט נישט געקענט אויפשטעהן, אַפילו ווען ס'איז געוואָרען גרויסער טאָג.

אָבער ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, און די באַנדע האָט זיך אין די יודישע הייזער אַ לאָז געטון און ארויסגעיאָגט אַלעמען פון גרויס ביז קליין, פון יונג ביז אַלט אין גאַס אַריין, נישט איבערלאָזענדיג קיין לעבעדיגען נפש אין שטוב. אַלע יודען פון שטעדטעל אין דער צאָהל פון עטליכע טויזענד נפשות זענען במשך פון עטליכע שעה אַרומבערינגעלט געווען פון דער צווילדעוועטער מחנה, און ארויסגעפיהרט געוואָרען הינטערן שטאָט, וואו ס'איז שוין צוגעגרייט געווען אַ טיפע ברייטע גרוב, כדי צו בעגראָבען לעבעדיגערהייט דאָס ביסעל יודען...

מ'קען זיך לייכט פאָרשטעלען די קולות, געשרייען, געוויינען פון די מענשען, דערהויפט פון די פרויען און קינדער, וואָס האָבען זיך געטראָגען עד לב השמים, און די באַנדע איז זיך געשטאַנען רוהיג, פולקאָם גרייט נעהמען זיך צו דער אַרבייט, ווי נאָר ס'וועט געגעבען ווערען דער געהעריגער בעפעהל פון זייער קאָמענדאַנט, וועלכער האָט זיך געפינען בשעת מעשה אויף אַ ספּעציעל בכבוד'יגען פּל-ץ, וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרען פאַר איהם.

און דאָ איז פלוצלינג אָט וואָס געשעהן: פון צווישען עולם שפּאַרט זיך דורך דער חזן פון שטאָט, וועלכער איז געווען אַ בעריהמטע „כלי", לאָזט זיך צום קאָמענדאַנט און ווענדעט זיך צו איהם בזה הלשון: „אדוני קאָמענדאַנט, דו האָסט דאָך אַרויסגעגעבען אַ גזירה, אונז אַלעמען לעבעדיגערהייט בעגראָבען, איז דאָך פערפאַלען, אָבער איין בקשה האָב איך צו דיר: דערלויב מיר אָפּריכטען, אַ תפלה און „ודוי" זאָגען מיט מיין עדה יודען, איידער מיר שטאַרבען!"

די ווערטער האָבען, זעהט אויס, אַ יוהר געטון דאָס מערדערישע האַרץ פון קאָמענדאַנט און ער האָט געענטפערט: „איך ערלויב". דער חזן האָט ווידער געבעטען דעם קאָמענדאַנט צו שיקען זיינעם אַ זעלנער צו איהם אַ היים און איהם ברענגען זיין טלית און קיטעל. די בקשה איז אויך גלייך ערפיהלט געוואָרען, דער חזן האָט זיך אָנגעטון דעם טלית און קיטעל, און האָט אָנגעזאָגט: שמע קולנו... חוס ורחם עלינו... מיט אַ האַרצרייסענדיגער געבראָכענער שטימע, אַז די גאַנצע באַנדע מיט'ן קאָמענדאַנט בראש זענען געבליבען שטעהן, ווי פערשטאַרט, פערשטיינערט, ממש צוגעקאָוועט צו די ערטער. נאָכמעהר גערירט זענען זיי געוואָרען פון די ביטערע געוויינען און אָפּגעריסענע פערשטיקטע ווערטער, וועלכע האָבען זיך אַרויסגעריסען פון דער אומגליקליכער עדה יודען, וועלכע איז געשטאַנען פאַר דער אָפענער גרוב און נאָכגעזאָגט פסוק נאָך פסוק נאָכ'ן חזן...

אַ פער'כשוף'טער איז דער קאָמענדאַנט געשטאַנען, געקוקט אויפ'ן אויסערגעוועהנליכען בילד... און ווען דער חזן האָט אַ געשריי געטון: אל תשליכנו.. און פון עולם האָט זיך אַ פרישער קוואַל קולות און טרעהרען אַרויסגעריסען האָט שוין ד"ר קאָמענדאַנט דאָס נישט געקענט מעהר אויסהאַלטען, פונקט ווי ער וואָלט אין דער מינוט פערשטאַנען די בעדייטונג פון די הייליגע ווערטער - און ער האָט אַ ברום געטון, ווי נישט מיט זיין קול:

„אויבראַיטע, זשידאָווניאַ, ראַדי באָגאַ, און מהר זאָל איך אייערע פנים'ער נישט אָנקוקען!"...

אַזוי אַרום איז דאָס שטעטעל יודען אַ דאַנק דעם חזן, ניצול געוואָרען פון אַ שוידערליכען טויט.

16 יודישע קינדער-היימען אין אוקראַינע.

כאַרקאָוו, (י.ט.א.) לויט ווי עס טיילט מיט דער קאָמוניסטישער „שטערן", האָט דער אַמעריקאַניש-יודישער אַרבייטער-קאָמיטעט אויף צו שטיצען די רוסיש-יודישע אַרבייטער בעשלאָסען, צו עפענען און אויסהאַלטען אין פערשידענע אוקראַינישע שטעט 16 קינדער-היימען פאַר יודישער אַרבייטער-קינדער.

געזעלשאַפט פאַר יודישער וויסענשאַפט אין רומעניע.

בוקארעשט, (י. ט. אַ.) דאָ האָט זיך געגרינדעט אַ „געזעלשאַפט פאַר יודישע וויסענשאַפט". אין דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפט שטעהט דער סענאַטאָר אָבער-ראַבינער דר. נעמיראָווער, ווי אויך אַנדערע יודישע געלעהרטע אין רומעניען. די געזעלשאַפט וועט זיך פערנעהמען מיט אַלע געביטען פון דער יודישער וויסענשאַפט, מיט אַ בעזונדערע בעריקזיכטיגונג פון דער יודישער געשיכטע אין רומעניען.

משה רבינו אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק

אַ פּראָצעס אין אַן אַמעריקאַנער קירכע.

נ י ו - י אָ ר ק. (י.ט.א.) אין אַ פּראָטעסטאַנטער קירכע אין שטעטעל שענעדאַ איז געמאַכט געוואָרען אַ משפט איבער משה רבינו'ן. משה רבינו איז אין קירכע געמשפט געוואָרען פאַר טויטען דעם מצרי, ווי עס ווערט דערצעהלט אין חומש.

„דער אָנגעקלאָגטער" אַליין איז נישט געווען ביים פּראָצעס, אָבער דערפאַר איז געווען אַ גרויער עולם פון די מיטגלידער פון דער קירכע, וועלכע האָבען נייגעריג זיך צוגעהערט צו די ארגומענטען פון פּראָקוראָר און פערטיידיגער. דער פּראָקוראָר האָט אין זיין אָנקלאַגע ערקלערט, אַז דער „מאָרד" איז געווען אַ געפלאַנטער, דען עס שטעהט אין חומש, אַז משה האָט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען צו זעהען, אויב עמיצער געפינט זיך נישט אַרום, איידער ער האָט געטויטעט דעם מצרי. דער פּראָקוראָר האָט אויך געטענה'ט, אַז דער „מאָרד" קען נישט בערעכטיגט ווערען מיט די טענה פון „רעליגיעזער משוגעת".

דער פערטיידיגער האָט גע'טענה'ט, אַז משה האָט נישט געמיינט צו טויטען דעם מצרי, נאָר איז אויסען געווען בלויז צו פערטיידיגען דעם אַלטען יודען, וועמען דער מצרי האָט מערדערליך געשלאָגען, און קעמפענדיג מיט דעם מצרי האָט ער איהם צופעליג געטויטעט

דער פערטיידיגער האָט אויך געטענה'ט, אַז דער טויט פון דעם מצרי איז געשעהען דורך גאָטס ווילען, ביידע, דער פערטיידיגער און דער פּראָקוראָר האָבען כסדר ציטירט פסוקים פון תנ"ך.

נאָכ'ן אויסהערען ביידע צדדים איז דאָס געריכט אַוועק אויף אַ בעראַטונג. דאָס געריכט האָט זיך אָבער נישט געקענט איינינען, ווייל עלף פון די ריכטער זענען געווען פאַר פריישפּרעכען דעם „אָנגעקלאָגטען", בעת דער צוועלפטער איז געבליבען איינגעשפּאַרט און געפאָדערט אַ בעשולדיגונגס-אורטייל. ענדליך אָבער האָבען די עלף בעוואוינען דעם איינעם צו שטימען „אונשולדיג" און דער „אָנגעקלאָגטער" משה בן עמרם איז פריי געשפּראָכען.

זיצונג פון דירעקטאָריום פון העברעאישען אוניווערזיטעט.

לאָנדאָן, (י.ט.אַ.) דעם 1-טען אויגוסט וועט אין לאָנדאָן פאָרקומען אַ זיצונג פון דירעקטאָריאַט פון העברעאישען אוניווערזיטעט. די זיצונג וועט פאָרקומען אונטער'ן פאָרזיץ פון פּראָפ. אַלבערט איינשטיין.

דער יודישער אייזען-מאַגנאַט רודאָלף האָס ווערט פריי געשפּראָכען.

בערלין, (י. ט. א.) לויט ווי עס ווערט מיטגעטיילט פון מאַגדעבורג איז שוין גענצליך אויפגעקלעהרט געוואָרען דער מאָרד-פאַל פון בוכהאַלטער פון יודישען אייזען-מאַגנאַט און גרויס-אינדוסטריעלער רודאָלף האָס. די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער ערמאָרדעטער האָט גאָר נישט קיין געמיינזאַמעס מיט דעם מאָרד פון זיין בוכהאַלטער העלינג, ווי דאָס האָבען מיט אַ כיון פערשפּרייט קלאַגען די אָרטיגע אַנטיסעמיטען מיט'ן פּאָליציי-שעף בראש. רודאָלף האָס'ס בעפרייאונג פון אַרעסט איז אַ פראַגע בלויז פון אייניגע טעג.

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47 tel. 26-02
אונערלוכע קראַנקהײט. ספּעצ. לונגען או. האַרץ-קראַנקהײטן בעשטראַלונגן מיט קונסטליכע בערג-זון.
נעמט אָן פון 3—5 נאָכמיטאָג. 1313

Dr. med. H. LUBICZ
צעגעלניאַנא 43, טעל. 32-41.
ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און מענער-שוואַכע קראַנקהײטן. 1839
היילונג מיט קוואַרץ-לאַמפּען (האָר-אויספאַל).
נעמט אָן פון 9—11 און פון 5—8 אָוונט.

אין וואַלד פון לײדענשאַפטען.

(ראָמאַן).

(304

– איהר ווייסט דאָך – האָט לויכטער קאַלטבלוטיג פאָרטגעזעצט – אַז איך גיב אָפּ אין אַ זייט, כדי נישט צו פערטרעטען אַ זשוקל, וואָס קריכט מיר אין וועג, און אַליין האָט איהר נישט איינמאָל געזעהן, ווי איך פלעג אויפהויבען פון דער ערד אַ פויגעל, וואָס פלעגט אַרויספאַלען פון נעסט, כדי אַרויפצולייגען איהם צוריק אויף זיין אָרט! מאָרגען וועל איך אָבער בעגעהן אַ פערברעכען אַן'איינציגען אין זיין מין! איך וועל חרוב מאַכען די גאַנצע שטאָט, איך וועל אויפרייסען די פולווער-סקלאַדעס, איך וועל מיטאַמאָל אונטערצינדען די גאַנצע פעסטונג, איך וועל אומברענגען די שטאָלצע גאָלדענע שטאָט פראָג, וועלכע מוז פאַלען אַלס נקמה-קרבן פון דעם רויבער לויכטערס האַנד!

די רויבער האָבען געשוויגען

– פריינד מיינע! – האָט לויכטער ווייטער גערעדט – מיין בעשלוס איז אַ פעסטער! איך מוז חרוב מאַכען די שטאָט, און דעריבער וועל איך אויפרייסען די דריי טויזענד פוד פולווער! אַ ים פון פייער וועט פעניסען די גאָלדענע פראָג, און דאָס גאַנצע וואַסער פון דער מאָלדאַווע וועט נישט זיין אימשטאַנד צו פערלעשען די שרפה! צו האַרב האָבען זיך פערזינדיגט נעגען מיר און מיין פרוי די בירגער פון דער שטאָט! צו מורא'דיג איז געווען דער האַס, מיט וועלכען זיי האָבען מיך פערפאָלגט! דעריבער מוז איך אַרויסטראָגען מיין שרעקליכען אורטייל, כדי דער נאָמען פון דעם רויבער לויכטער זאָל מיט פייערדיגע אותיות איינגעקריצט ווערען אין דער געשיכטע פון פראָג!

לאָראַ און ליזאַ האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר לויכטער'ן אויף די קניע.

– טייערער הייניך מיינער! – האָט לאָראַ אויסגערופען – האַלט צוריק דיין נקמה-געפיהל! זיי מוחל די אומגליקליכע! ווען זיי האָבען אונז אַריינגעשליידערט אין טייך, האָבען זיי נישט געוואוסט, וואָס זיי טוען! זיי זענען פערפיהרט געוואָרען פון דעם גראַף באַטיאַני'ס רכילות! טו עס נישט, ווייל מיט שאַנדע וועסטו זיך בעדעקען דיין נאָמען! איך בעט דיך רחמים – ווייז אַרויס דיין גרויסמוטיגקייט, און זאָג זיך אָפּ פון דער שרעקליכער נקמה!

– איך שליס זיך אָן אין לאָראַ'ט בקשה! – האָט ליזאַ צוגעגעבען – גיב נאָר אַ טראַכט, ס'איז אַ אונגליק דו ווילסט ברענגען אויף טויזענדער לעבעדיגע מענשען! אויב עס וועלען אויפגעריסען ווערען די פולווער-קעלערען וועלען דאָך חרוב ווערען גאַנצע קוואַרטאַלען, און עס וועלען אומקומען זקנים, פרויען און קינדער, וואָס האָבען זיך לחלוטין נישט פערשולדיגט געגען דיר! לויכטער, לייג זיך איבער! מיט דעם גרויזאַמען טאַט וועסטו זיך נאָר דערנידריגען!

לויכטער איז געשטאַנען מיט די הענד פערלעגט אויף דער ברוסט; ער האָט דו כדרינגליך געקוקט דאָ אויף לאָראַ'ן, דאָ אויף ליזאַ'ן, דאָ ווידער אויף זיינע חברים, ווי וועלענדיג אַראָפּלייענען פון די פנים'ער זייערע מחשבות.

– וואָס וועט איהר זאָגען ערצי, מיינע פריינד? – האָט ער זיך געווענדעט צו ראָבערק'ן און זיגריסט'ן – זאָל איך נאָכגעמען די בקשות פון לאָראַ'ן מיט ליזאַ'ן, אָדער אַדורכפיהרען דעם פעסטען בעשלוס, ווען ער זאָל אַפילו זיין געגען אונזערע בעסטע געפיהלען?

– אויב דו האָסט בדעה זיך נוקם צו זיין איבער דער שטאָט – האָט זיגריסט געענטפערט – בין איך אויך דערפאַר! די דפה-זאָגער'ס האָבען געהאַט די מעגליכקייט אָפּצושטעלען דעם משוגענעם המון, און נישט דערלאָזען צו דעם שרעקליכען טאַט איבער דיר און דיין פרוי! זיי האָבען עס נישט געטון! און אויב אַזוי, טאָ זאָלען די גערעכטע אומקומען מיט די אומגערעכטע! איך בין פולשטענדיג מסכים מיט דיר!

– און איך אויך! – האָט אויסגערופען ראָבערק – ס'איז מיר, אמת, אַ רחמנות אויף אונשולדיגע קרבנות, נאָר פערפאַלען, אונזער אַטאַמאַן טאָר מען נישט בעליידיגען און בלייבען אונבעשטראָפט!

בּרונאָ איז אַרויסגעטראָטען פאָראויס.

– איך בעט דיך, לויכטער – האָט ער געזאָגט – גיב מיר איבער די אויפגאַבע צו אויפרייסען די פולווער-קעלערס! דו ווייסט דאָך, אַז דאָס לעבען האָט פאַר מיר פערלוירען דעם ווערט, און אויב איך לעב נאָך, איז עס דערפאַר, ווייל זעלבסטמאָרד איז פאַר מיר דער אויסדרוק פון גרעסטער פחדנות! דער בייזער גורל האָט ביי מיר אַלץ צוגענומען! מיט'ן פערלירען הינדאַ'ן איז אויסגעלאָשען געוואָרען די זון פון מיין לעבען! און דעריבער מאַכי האָב איך דאָס גרעסטע רעכט פון אַלע צו זיין דיר בייהילפיג ביי אַ פאַל, וואָס וועט מיר זיכער קאָסטען דאָס לעבען!

– גוט .. מיר'ן זעהן! – האָט לויכטער געענטפערט, דריקענדיג ברונאָ'ן די האַנד – און איצט, מיינע פריינד, איז צייט מיר זאָלען זיך אָביסעל אָפּרוהען! אין דעם דאָזיגען הויז קאָנען מיר רוהיג איבערנעכטיגען, ווייל קיינער איז נישט חושד, אַז מיר געפינען זיך דאָ! לעשט אויס דאָס ליכט, און שלאָפט זיך רוהיג אויס, מיינע פריינד! מאָרגען קומט דער דעצידירענדער טאָג, דער יום הדין, וועלכער בעדאַרף צו בלייבען אין זכרון אויף אונזער גאַנץ לעבען! ס'וועט זיין דער טאָג פון נקמה און אויסלייזונג! עס וועט זיך סוף כל סוף ענדיגען דער לאַנגער פערעקשנ'טער קאַמף, וואָס איך פיהר מיט מיין דם שונא, באַטיאַני! זייט מתפלל, טייערער פריינד, און בעט ביי גאָט, ער זאָל זיין בייהילפיג און שענקען אונז דעם נצחון!

אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין אינ'ם קליינעם הייזעל אויפ'ן בערג פון דער מאָלדאַווע געווען פולשטענדיג שטיל.

אַלע זענען געווען מיד, און זענען דעריבער שנעל איינגעשלאָפען.

בלויז לויכטער אַליין איז נישט געשלאָפען. זיין פנים איז געווען פערזאָרגט און טיף פערטראַכט.

די צורורערונג איז נאָך נישט אַדורך ביי דעם רויבער לויכטער, און זיין האַרץ האָט האַסטיג געשלאָגען ביים נאָך-נישט-בעפרידיגטען נקמה-געדאַנק.

(פאָרטזעצונג קומט).

ווינטיג פאַר בלוי-געשיר-סוחרים פון לאָדז
איז פּראָווינץ!

מיר מאַכען בעקאַנט די געעהרטע בלוי-געשיר-סוחרים. דאָס מיר האָבען בעקומען

איינציגע וואַנאָנגע בלוי-געשיר אויף נעהמען פאַר כּילאָ פון

דער פירמע „סילעזיאַ", אַ גרויסען אויסוואַהל פון ערשטען און צווייטען סאָרט פון פערשידענע פאַבריקען, אויך האָבען מיר אויף לאַגער מאַיאָנג, פאַרצעלאַן, אַלומיניום.

808

ציגענגליכע פרייזען, רעיעלע בעהאַנדלונג.

אינזער פירמע עקזיסטירט פון יאָהר 1906.

אַכטונגספאָל „גבריעדער פּראָוויזאָר",

לאָדז, פּולנאַצנאַ 18, טעלעפ. 36-12.

בריליאַנטען
גאָלד, קינסטליכע ציינער אויך ציבראַכענע בידזשוטעריע

לאָמבאַרד-קוויטע!

I. FIJAŁKO, Piotrkowska 7, tel. 31-46

קויפט און צאָהלט די העכסטע פרייזען

באַמערקונג: היינט ביליגער געלעגענהייטליכער אויספערקויף פון חפצים.

790

פריזיער-אנשטאלט
12 פּאָלודניאָווא 12.

מענער-סאַלאָן:

ראַזירען מיט קאָלאָנסקי וואַסער 30 גר.

שערען " " " 70 גר.

שערען יונגלעך מיט מאַשינקע 30 גר.

שערען יונגלעך מיט'ן שער 50 גר.

דאַמען-סאַלאָן:

שערען פון דאַמען " 60 גר.

אָנדולאַציע " " 1.- זל.

קאָפּ וואַשען מיט עלעקטריש

טריקענען פון די האָר 1.- זל.

עלעקטרישער מאַסאַזש פון געזיכט 50 גר. מאַניקור 60 גר. פאַרבען, קעמען

סעניען די האָר א"וו 098 פאַר דאַמען ספּעציעלע קאַבינעט!

אינקאַסענטען
מיט נעהעריגע קוואַליפיקאַציעס קאָנען זיך מעלדען אין

צינטישען ביוראָ (צעגערניאַנאַ 4)

טעגליך פון 10–1 מיטאָג

856

וואָס מ'ערזיבליגאון גוט!
ווער עס וויל האָבען אַ גוטען פליגענפענגער, זאָל זוכען נאָר דעם פליגענפענגער „Meszap". דער פליגענפענגער „Meszap" טרוקענט נישט אויס!

דער פליגענפענגער „Meszap" גיט צו אַ בלומען-געשמאַק!

דער פליגענפענגער „Meszap" איז אויסגעאַרבייט פון ריינעם האָניג, און ציהט צו זיך צו אַלע פליגען און בינען פון צימער.

פון פליגענפאַנגער „Meszap" פאַלען די פליגען נישט אַרונטער!

פאַבריצירט נור די פליגענפענגער פון דער „MESZAP" ערשטע מעכאַנישער פאַבריק אין פוילען!

איבעראַל צו בעקומען!

857

קאָנצעסיאָנירט דורך דער עלעקטראָניע.

ווער סוויל האָבען אַ ליכטיג לעבען!
זאָל קומען צו דער בעוואוסטער פירמע



ב. ראַטביין
קאָנסטאַנטינער 3

וועלכע פיהרט אויס אַלע אַרט עלעקטרישע אַנלאַגען, ליכט און קראַפט. גרויסער אויסוואַהל פון עלעקטרישע אַרטיקלען. צו ערמעסיגטע פרייזען.

קומט און איבערצייגט אייך!

פאַר 30 זל.
קען יעדער האָבען עלעקטריש-בעלייכטונג

אויסגעפיהרט דורך דער פירמע

ש. פ. שמאַלעוויטש
8 פּאָלודניאָווא 8

מיט בעשטעטיגונג פון דער עלעקטראָווניע

וויכטיג פאַר הויזבעזיצער!

איהר שפּאָרט 80 פּראָצענט שטראָם.

אויסקינפט ווערט ערטיילט. 489

טליתים-פאַבריק
אויסאַרבייטונג פון וואָלענע, האַלב-וואָלענע זיידענע טליתים כמו טערקישע, ווי אויך טליתים-קטנים הורט און דעטייל! מיט אויספערטיגונג, אויך גאַרטלען, שפּאַניעס צו בעקומען ביליגער ווי איבעראַל

ביי א. ה. ציטרינאָווסקי, קאַמיענגאַ 4,

אין צווייטען טויער. קומט און איבערצייגט אייך! 598

בעמערקונג: ס'ווערען אויך אָנגענומען אַלטע טליתים צו וואַשען.

1 שטוב
אָדער אַ שטוב מיט אַ קיך זוך איך פון זאָפאָרט צו דינגען. — אָפּערטען אונטער „I. B." אין אַדמ. פון דער צייטונג 659

בעפאָר איהר פערקויפט אייערע

בריליאַנטען,
דימאַנטען, גאָלד, זילבער, קינסטליכע ציינער, קומט אַ בערצייגט אייך, אַז דער געזו. מאַקסימאַם און יובעליר-געשעפט-אינהאַבער

M.Chodżko Południowa 1

צאָהלט די העכסטע פרייזען!

בעמערקונג: טאַקסירונג אומזיסט. 514

יעדער איינציגער האָט זיך איבערצייגט, אַז נור

מעבער
דיוואַנעס, פעלצען, ניי-מאַשינען, גאַרדעראָבען א. ז. וו.

צאָהלט די העכסטע פרייזען

א. ווייצמאַן נאַרוטאָוויטש 19 (דזשעלנאַ)

פון מעבעל-געוועלב, (פריוואַט וואוינונג שענקעוויטש 29)

ביי מיר איז שטענדיג פאַראַן. געניצטע מעבעל צו פערקויפען 374

א

פרייליין
ווערט געזוכט אין אַ צוקערניע ביי מ. י. גאַראַ, זגערזשער 8 658

אַ העל דעמבאָווע

שלאָף-צימער
פרייזווערדיג צו פערקויפען.

צו ערפאַהרען קילינסקי גאַס 13, לינקע אָפיצינע, פּאַרטער. 862

זאָל גאַנץ לאָדז וויסען, אַז דאָס
מעבעל-געשעפט
פון פלאַטאַוויטש און רעכט

145 פּעטריקאָווער 145 אין הויף

האָט זיך פערגרעסערט און בעזיצט אויף לאַגער אַ גר. אויסוואַהל פון שלאָף-צימער, עס-צימער, ביוראָ-איינריכטונג, קיכען-מעבעל, ווי אויך ענצעל-געגענשטענדע אַלעס פון אייגענע אויסאַרבייטונג.

בעמערקונג: מיר קויפען אויך געניצטע מעבעל און צאָהלען די העכסטע פרייזען. 387

פאַר באַר! אויף ווערכסעל!

Dr. Adam GROSGLIK

27 Aleja Kościuszki 27.

הויט- און וועניערישע קראַנקהייטען.

רענטגען און ליכט - היילאַנשטאַלט.

נעהמט אָן פון 4 ביז 7 אָוונט. 111

לעטשניצע פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
בזשעזשינער 11, טעל. 37-63

אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוונט

ד"ר וואָלינס	גאָז, האַלז, אויערן-קר.	4–3
ד"ר קערשנער	קינדער-קראַנקהייטען	10,30–9 5,30–4
ד"ר שיפמאַן	אינערליכע קראַנקה.	12–10 6–5
ד"ר לוביטש	הויט-און געשלעכט קר.	1–11
ד"ר שמירגעלד	נערוען און גייסטיגע קר.	2–12
ד"ר גאָלדבלאַט	אויגען-קראַנקהייטען	2–12,30
ד"ר עליאַסבערג	כירורגישע קראַנקה.	3–1
ד"ר בערגמאַן	פרויען און געבורטס-הילף	4–3

פּאָלאַ-סקעראַפיע, שפּריצונגען ווי שטעלען א. ז. וו. פּאָקען-שטעלען, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראַהלונג, איינשפּריצונגען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציע, אָפּעראַציעס. אויף פערלאַנג — וויזיטען אין שטאָט. — אין לאַבאָראַטאָריום ווערען אָנגענומען אַלע אַרט אַנאַליזען, ווי אורין, פלעגמע און בלוט. 2170

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען אַ

דענטיסטישער קאַבינעט

עס נעהמען אָן:

ד"ר זילבערשטיין	צאָהן-אַרצט	9 ביז 2 נ. מ.
ד"ר לאַזשינסקאַ סט. אַראַנאָלסקאַ	צאָהן-אַרצט	7.30–3

קינסטליכע ציינער, קראָנען, פּלאָמבען א. ז. וו.

די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאָג.

וויזיט 3 זלאָטעס

לעטשניצע פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
און ערצטליך-דענטיסטישער קאַבינעט
זגיערסקאַ 17, טעל. 16-33.

ד"ר ראַקאָווסקי	נאָז, האַלז, אויערן קר.	3–2 11–10 $7^{1}/_{2}$–$6^{1}/_{2}$
ד"ר רוזשאַנער	הויט-און געשלעכט-קר.	11–10 2–1
ד"ר גאָלדשטיין-פּאָלאַק	אויגען-קראַנקהייטען	8-7 2-1
ד"ר יוסטמאַן	נערוען קראַנקהייטען	2–12
ד"ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	5-4 12-10
ד"ר פּאַפּיערני	פרויען-און געבורטס-הילף	6-5 1-$11^{1}/_{2}$
ד"ר קאַנטאָר	כירורגישע-קראַנקהייטען	2-1.ז 4-3
ד"ר וויינבערג	אינערע הערץ לונגען-קר.	7-$5^{1}/_{2}$ 1-11
ד"ר סטופעל	רענטגען	12-10 6-4
ל. פרזמאַק	צאָהן-אַרצט	10–2
נ. ראָזעס	צאָהן-אַרצט	7–4

צאָהן-טונדהיילונג, בעלייכטונגען, קאַפּונען, פּאָמפען, א. אז. וו.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען

רענטגען-אינסטיטוט

היילונג פון הויט-קראַנקהייטען, פון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגען-שטראַהלען, פאַר בעשטראַהלונג און דורכלייכטונגען, קוואַרץ-לאַמפּע, דיאַטערמיע, עלעקטריזאַציע, אַלע מעגליכע אַנאַליזען. א קורס פאַר שטאַמלער.

אָנמעלדונגען געגען שאַרלאַך (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאָכמ.

די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג.

וויזיט אין דער שטאָט.

לעקסשענער 5

Dr. Prybulski

אַנדזשעיאַ 1, טעל. 25-33.

5-4 :נאָכמ. 8-4 ,1-9

אַ גרויסער אויסוואַהל

שירעם
— פון —

שטעקענס
און

מיט 25 פּראָצ. ביליגער, ווי איבעראַל!

צו בעקומען אין וועקסטאַט פון

ס. פייגענבוים,
19 נאַרוטאָוויטש 19.

באַמערקונג: ס'ווערען אויך אָנגענומען אַלערליי רעפּאַראַטורען, ווי אויך איבערציהען.

געדענקט די אַדרעס: נאַרוטאָוויטש (דזשעלנאַ) 19.

28 נאָר 28 נאָר 28

פערקויפט נישט אייער

מעבעל,
דיוואַנעס, פעלצען, אַנצוגען, ניי-מאַשינען אז"וו, בעפאָר איהר איבערצייגט אייך נישט ביי די לאַנג-עקזיסטירענדע פירמע

ח. ראָזנער, בעגעדריקאַ 28

נאָר איך צאָהל די העכסטע פרייזען!

בעמ: ביי מיר אויף לאַגער שטענדיג פערשידענע געניצטע מעבעל און נייע צוזשטאַנד, פרייזען צוגענגליכער, ווי איבעראַל!

28 נאָר 28 נאָר 28

אַנאָנסען-פרייז:

אַבאָנעמענטס-פרייז:

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brustowski i B. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman

Czcionkami i drukiem „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.